STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02100

YAAKOV SAFIR UN ZAYNE NESIES

Hirsch Munz

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

הערש מינץ

יעקב ספיר
און זיינע נסיעות

א באזוך אין אויסטראַליע אין 1861

ISBN:0-657-02100-8
Old Call No.,97-449 v.

ארויסגעגעבן דורכן ייוו"א-קאָמיטעט אין מעלבורן
1950

הערש מינץ

יעקב ספיר
און זיינע נסיעות

אַ באַזוך אין אויסטראַליע אין 1861

אַרויסגעגעבן דורכן ייוו"אָ-קאָמיטעט אין מעלבורן

1 9 5 0

HIRSH MUNZ

JACOB SAFIR:

EXTRACTS FROM HIS BOOK

"IBEN SAFIR"

Describing his visit to Australia and New Zealand

in 1861-1862.

Published by Y.I.V.O. Committee, in Melbourne, 1950

Printed by York Press Ltd., 198-202 Faraday Street, Carlton, N.3,
Melbourne, Australia.

געווידמעט דעם ליכטיקן זכרון
פון מיין טאַטן, ר׳ משה מינץ,
שוועסטער סאָניע און פאַמי־
ליע, אומגעקומען אין חורבן
קרינִיק, פּוילן, 1942.

אֶבֶן סַפִּיר

יסבב

ארמות חם (מסע מצרים) ים סוף, חדרי תימן, מזרח הודו כלו, ארץ החדשה אוסטראליא ותשובתו הרמתה ירושלים עה"ק תובב"א.

הארצות אשר סבבתי ותרתי ארבע שנים ותשעה ירחים וכתבתי על הספר לזכרון. מצב ותואר אחינו ועמינו, המוסרי התורי והמדיני, ואת העוברות והמוצאות אותם מאז עד היום, ונלוה אליהם ספורים וענינים תורנים וחקירות והערות ישרות וציוני רשימות מצבות עתיקות והערות עליהם, ושירי קדש ובקשות ומעשים נפלאים, דבר השוה לכל נפש. נעשה על טהרת לשוננו הקדושה, רבים ישוטטו בם ויתענגו על רוב טובם. אקוה כי רוב דבריו יהי רצוי לרוב אחיו ולישועתך קויתי י"י!

מעוז ישועות

יעקב ספיר הלוי

מתושבי ירושלים עה"ק תובב"א

בשנת חני ושמחי לפ"ק,

תר"כד

חלק ראשון.

יוצא לאור בפעם ראשונה

ע"י חברת

מקיצי נרדמים.

Iben Safir.

Lyck, 1866.

Herausgegeben im Selbstverlage des Vereins M'kize Nirdamim

(L. Silbermann.)

Schnellpressendruck von Rudolph Siebert in Lyck.

אבן ספיר

ספר שני

יכלכל

בית עדן, הודו באמביי, בני ישראל, מאלבאר, קוגין
הלבנים והשחורים, כלכתה, אפא-פענו, סינגאפור,
יאווע באטאוויע, אוסטראליע, סידניי, מעלבורנע,
נוי-וויילאנד, ציילאן, שיבת ירושלם.

יתוסף על כל אלה

הערות רבות, דברי חפץ, העתק מספר הללי, וממחברת התינאן מתימן.

ממני

צעיר הלוים **יעקב ספיר** איש ירושלם

כמראה אבן ספיר הראשון אשר האיר זה שמנה שנים והיה לאבן חן
לכל חכמי לב ומביני מדע, כן אחיו השני הגדול ממנו, יכלכל דבריו
באמת ואמונה.

מגנצא

בדפוס ועל ידי יחיאל בריל
חתן הרב המחבר ומו"ל „הלבנון"
שנת **ברוך אתה** לפ"ק

איינפיר

עס איז נאָך פּריצייטיק צו רעדן וועגן א געשיכטע פון יידן אין אויסטראַליע. אין פאַרוואָרלאָזטן קולטור־לעבן, וואָס הערשט ביי אונז אין לאַנד, איז דער געביט פון געשיכטע באַזונדערס פאַרנאַכלעסיקט.

דאָס היפּ׳ש ביסל מאַטעריאַל, וואָס איז אָנגעזאַמלט געוואָרן אין די קרוב הונדערט און פופציק יאָר יידישע געשיכטע דאָ־הי, ליגט פאַר־שימלט אין די פּנקסים און ארכיוון פון אָפּגעשטאַנענע און אפילו אָפּ־געשטאָרבענע יידישע קהילות; צעזייט איבער צענדליקער ענגלישע צייַ־טונגען און פּריוואַדישע צייטשריפטן; גאַנץ אָפט קען מען עס געפינען אין די הייזער פון אַסימילירטע קינדער און געשמדטע אייניקלעך פון אמאָליקע אָנגעזעענע פירער פון יידישן קהלה־לעבן.

גאָר ווייניק אינטערעס ווערט ארויסגעוויזן ביי די היגע פרנסים און כלל־טוער אין שרייבן די געשיכטע פון יידן אין אויסטראַליע. דער מאַנגל אין אן אינטערעס פאַר דער פאַרגאַנגענהייט שטאַמט פון א מיספאַרשטאַנענער אויפפאַסונג פון אונזער קעגנוואַרט און נאָך א שמעלערן באַגריף וועגן אונזער צוקונפט.

אַ פאַרשטענדעניש פאַר געשיכטע קען זיין נאָר דאַן, ווען א קיבוץ איז שפרודלדיק־לעבעדיק, מיט א חוש פון נייגער פאַר זיין עבר; א קיבוץ וואָס פאַרשטייט און גיט זיך אָפּ א דין־וחשבון דערפון, אַז זיין קיום איז אָפּהענגיק און ווערט באַדינגט פון דעם המשך פון יענע היס־טאָרישע קולטור־ווערטן, וועלכע האָבן אים אָפּגעהיט אַלס גאַנצקייט אין די אייגנאַרטיקע אומשטענדן פון זיין סביבה. אז אָרגאַנישע אויפ־פאַסונג פון געשיכטע האָט מען ליידער אין דער יידישער אויסטראַליע נישט געקענט דערוואַרטן, ווייל גאַנץ פשוט — אַזאַ איז נישט בנמצא.

אויסטראַליע האָט געהאַט און האָט יידן, האָט געהאַט און האָט עטלעכע קאָנסערוואַטיווע און אָפּגעשטאַנענע יידישע קהילות, אָבער זי האָט נישט קיין וועלטלעך יידיש געזעלשאַפטלעך קולטור־לעבן.

אין דער כמעט הונדערט און פופציק יאָריקער געשיכטע פון די יידן אויפן פינפטן קאָנטינענט שלענגלט זיך אַדורך ווי א רויטער פאָ־דעם אַ קלעריקאַל רעליגיעזע אויפפאַסונג, אַז יידישקייט איז סינאָנים מיט שול, דאַוונען, יום־כפּור־פּעטיש, „באַנדי סקול״ און אַנדערע

בלי־קדושׁדיקע פֿאַראַפּאַנעליע. אַנדערש געזאָגט — מען האָט פֿאַר־ביטן דעם לאָגל, די כלי, פֿאַר דעם פֿרישן ווײַן; דאָס שאָלעכץ פֿאַרן קערנדל; דעם אָרגאַניש־לעבעדיקן גוף — פֿאַר דעם באַלזאַמירטן טויטן קערפּער.

און אַפֿילו די נעבעכדיקע אויפֿפּאַסונג פֿון יידישקייט האָט זיי אויך פֿאַרפֿירט.

די פֿאַרשלאָסענע, מיט שפּינוועבס באַהאָנגענע, פֿאַרקאָפּטשעטע טירן פֿון די שולן אין טאַסמאַניע און באַלאַראַט, די אויף אייביק־פֿאַר־מאַכטע, מיט מאָך באַוואָקסענע שולן פֿון בענדיגאָ און אַנדערע גרעסע־רע פּראָווינץ־שטעט איבער גאַנץ אויסטראַליע זאָגן עדות, אַז מיר וועלן דאָ גיין באַרג־אַראָפּ, אויב אונזער יידישער קיבוץ וועט אין צאָל ניט פֿאַרגרעסערט ווערן און וועט זיך נישט אָריענטירן אויף וועלט־לעכע יידיש־נאַציאָנאַלע קולטור־ווערטן.

פֿון דעם אויבן־געזאָגטן איז לייכט צו פֿאַרשטיין פֿאַרוואָס מיר האָבן דאָ נאָך נישט, עד־היום, קיין געשיכטע פֿון יידן אין אויסטראַ־ליע און פֿאַרוואָס עס איז בכלל דאָ אַזאַ מאַנגל אין צונויפֿגעשטעלטן היסטאָרישן מאַטעריאַל.

אין דעם גרויסן בלויז וואָס עקזיסטירט אין **דער** געשיכטע, שײַנט אַרויס דער אבן־ספּיר — דער חיותדיקער העברעאישער ספֿר פֿון דעם מישולח יעקב ספּיר, וועגן וועלכן מיר וועלן זיך אָפּשטעלן באַריכות אויף די קומענדיקע זײַטן.

די איבערזעצונג פֿון יעקב ספּירס בוך „אבן ספּיר“, אויסער די לעצטע צוויי קאַפּיטלען, איז פֿון פּנחס גאָלדהאַר ע"ה.

מיר דאַנקען דער חשובער אלמנה, פֿרוי גאָלדהאַר פֿאַר דער־לויבן אויסצונוצן די איבערזעצונג.

ייוו"אָ־קאָמיטעט, מעלבורן

דער משולח

אין פינפטן באנד פון דער „אוניווערסאַלער ענגליש־יידישער ענציקלאָפעדיע" געפינען מיר א פאָטאָגראַפיע פון יעקב ספיר, וועלכע ווערט דאָ צוגעלייגט צו אונזער בוך.

פון דער פאָטאָגראַפיע קוקט אַרויס ווי לעבעדיק, דער מוטיקער, אונטערנעמערישער ייד, וועלכער האָט מיט 90 יאָר צוריק, אין עלטער פון 39 יאָר, אָנגעשטויסן זיך אויף די ברעגעס פון אויסטראַליע, נאָך דעם, ווי ער האָט אויסגעמאָסטן צענדליקער שטעט און לענדער אין שליחות פון ישוב אין ירושלים.

ווען מיר קוקן זיך צו צו דער פאָטאָגראַפיע, זעען מיר באַלד דעם הויכן רבנישן שטערן, וועלכער שטאַרט ארויס פון אונטער דעם אַלטמאָדישן שטריימל; די קלוגע פקחותדיקע אויגן פון א תלמוד־חכם, וועלכע האָבן א סך געזען אין די וואַנדער־יאָרן; דאָס שטייף־געפרעסטע מויל זאָגט עדות, אז דער מענטש איז געמילדערט נאָר ביי די קנייטשן ארום מויל, וועלכע גיסן זיך צוזאַמען מיט דער לאַנגער באָרד פון א גאָטס־פאָרכטיקן ייד.

אז יעקב האָט געקענט באַשטיין זיין שטעטל און זיך נישט געלאָזט בעוולהן זעען מיר פון זיינעם א בריוו, וועלכן ער האָט געשריבן פון מעלבורן אין תמוז 1862 דעם רוב הכלל אין לאָנדאָן, הרב נתן אדלער הכהן. צו דעם ענין פון ספירס מגיר זיין אַ קריסטלעכע פרוי מיט אירע דריי קינדער, וועגן וואָס עם רעדט זיך אין בריוו, וועלן מיר זיך נאָך אומקערן. דער אויסצוג וואָס ווערט דאָ געבראַכט איז זייער באַראַקטעריסטיש, ווייל פון דעם סטיל און נוסח פון שרייבן אַנטפּלעקט זיך פאַר אונז דער שרייבער.

ווי מיר ווערן געוואָר, איז ספירס בריוו אַן ענטפער אויף א בריוו פון רב הכלל, געשריבן דעם 5 טן אַפריל פון זעלבן יאָר, ד. ה. 1862. נאָך דעם ווי ספיר הויבט אָן מיט הויכע מליצות און גיט אָפּ דעם געהעריקן כבוד דעם רב, גייט ער באַלד איבער צום ענין:

„מכה אייערע טענות צו מיר וועגן דער גיורת מיט אירע קינדער, זע איך, אז אומזיסט וועל איך זיך באַמיען צו פאַרענטפערן פאַר

אייך, היות ווי איר האָט גאָר נישט קיין אכט געלייגט אויף מיינע אויפריכטקע ווערטער, וועלכע האָבן שוין גענוג געקענט באַווייזן, אז איך בין אומשולדיק. נאָר וואָס איז נוגע אָבער דעם דין, וועל איך קיי־נעם נישט באַטראַכטן אין ענינים פון דער תורה, ווייל איך קען נישט הנפענען אַפילו אַזאַ מענטש, וועלכער איז הויך ווי דער צעדערבוים" („כי לא אדע הנופה גם לאשר גבה ארזים גבהו" — אין טעקסט).

שטעלט זיך די פראגע — ווער איז דער משולח, דער פאַרפאַ־סער פון די צוויי בענדער רייזע־ביכער „אבן ספיר"?

פון זיין הקדמה צום ערשטן באַנד „אבן ספיר" ווערן מיר געוואָר, אז ער איז געבוירן געוואָרן אין 1823 אין אָשמינע ביי ווילנע, אין עלטער פון צען יאָר, איז ער צוזאַמען מיט זיינע עלטערן געקומען קיין ארץ ישראל. דאָרט האָט ער געלערנט אין די ישיבות פון צפת און ירושלים און געקראָגן התר הוראה און סמיכות אויף רבנות. אין יאָר 1858 האָט ער אין עלטער פון 35 יאָר זיך געלאָזן אין דער וועלט אין שליחות פאַר דער אשכנזיישער קהילה אין ירושלים, ווי אויך צו זאַמ־לען געלט פאַר א תלמוד־תורה און צו בויען א שול אין דעם הויף פון דער חורבה פון ר' יהודה החסיד. עס איז אינטערעסאַנט צו באַ־מערקן, אז ער האָט זיך נייט געלאָזן אויף די אויסגעטראָטענע וועגן פון יידישע קבוצים אין רוסלאַנד, פוילן און מזרח־אייראָפּע. זיין אומ־רו און וואַנדערלוסט האָבן אים געטריבן אויף די זייטיקע סטעזשקעס פון פאַרוואָרפענע יידישע ישובים אין אַזיע, אויסטראַליע און ניי־זעלאַנד.

געוואַנדערט האָט ער איבער גאַנס וועלט גאַנצע פיר יאָר און ניין חדשים, פון 1858 ביז סוף 1863, און ער האָט באַזוכט מצרים, די אראַ־בישע לענדער, אינדיע, אינדאָכינע, מאַלאַיע, האָלענדישע מזרח־אינ־דיע, אויסטראַליע, ניי־זעלאַנד און ווידער דורך אויסטראַליע, ווי ער דריקט זיך אַליין אויס, „שיבת ירושלים" — צוריק קיין ירושלים.

זיינע רייזע־איינדרוקן באַשרייבונגען האָט ער ארויסגעגעבן אין צוויי ביכער וועלכע ער האָט מליצהדיק, אין איינקלאַנג מיטן העב־רעישן נוסח פון זיין צייט, אָנגערופן „אבן ספיר" — משמעות צוליב זיין נאָמען ספיר.

דער ערשטער טייל, אין וועלכן ער באַשרייבט זיינע מסעות אין מצרים און אין די שכנותדיקע לענדער, איז ארויס אין ליק, מזרח־פּרייסן, אין 1866 און דער צווייטער באַנד, אין וועלכן ער באַשרייבט זיין רייזע אין אויסטראַליע און אין ניי־זעלאַנד, איז ארויס אין מיינץ

אין 1874. דער פארלעגער איז געווען זיין איידעם, דער באקאנטער משכיל יחיאל בריל.

דא ווען מיר זיך אפשטעלן בעיקר אויפן צווייטן טייל, אויף די קאפיטלען, וועלכע באשרייבן זיין רייזע אין אויסטראליע און ניי־זעלאנד.

ווי געזאגט, זענען ביידע ביכער געשריבן געווארן אין העברעיש. די שפראך און דער סטיל איז מליצהדיק, אין דעם גייסט, וועלכער האט געהערשט דאן אין דער העברעישער השכלה־ליטעראטור און האט זיך אויסגעדריקט אין די בייכיקע מאמרים, אין „המגיד“, „המליץ“ און אי־די פעריאדישע מאספים. דאך איז זיין שפראך א קערנדיקע, רייך אין אויסדרוקן פון תנך, משנה און תלמוד. צייטנווייז, ווען ער באשרייבט פאקטישע געשעענישן איז עס דירעקט און אוממיטלבאר, אין איינ־קלאנג מיט זיינע שארפע און דורכדרינגענדיקע באאבאכטונגען.

וועגן דעם אינהאלט קאן מען זאגן, אז עס איז דורכויס אינטע־רעסאנט אבער קיין געשיכטע איז עס נישט.

די אימפולסיווע פערזענלעכקייט פון שרייבער דרינגט ארויס פון יעדער שורה און אימפולסיווקייט איז אוודאי נישט געאייגנט פאר א היסטאריקער.

ער איז בעיקר א פובליציסט, א פאלעמיקער, מיט א פיינעם חוש פאר נאטור־באשרייבונגען און מיט א שפאר ביסל ערודיציע.

עס איז ממש צו באוואונדערן זיין באשרייבונג פון די אורשפרינ־גלעכע, די אזרוי גערופענע „אבארידזשינס“:

„אין וויקטאריע זענען נאך היינט פאראן ווילדע מענטשן, די איינגעבארענע פון לאנד, וואס האבן דא געלעבט, איידער די ענגלענ־דער זענען אהער געקומען. איך האב געזען עטלעכע פון זיי, וואס זענען געקומען אין שטאט, און אויך אויפן לאנד האב איך זיי געזען. אויפן לאנד גייען זיי ארום אינגאנצן נאקעט, אן שום קליידונג, פונקט ווי די בהמות. זייערע פנימער און די הויט זענען רויטלעך־שווארץ, אדער גלאנציק־ברוין. די הויט ביי זיי איז גראב און פארהארטעוועט. זיי זע־נען פון מיטעלן וווקס, מיט פעטע גופים און זייערע האר זענען לאנג און דיק. זיי זענען מיאוס אויפן פנים, האבן גרויסע קעפ און נידעריקע שטערנס, ברייט־פונאנדערגעזעצטע, ארייגעזונקענע אויגן מיט לאנ־גע ברעמען, א ברייטע, פלאטשיקע נאז מיט גרויסע נאזלעכער, א ברייט מויל מיט גראבע ליפן. אויף די באקן האבן זיי א ביסל האר און זייערע פנימער קוקן אויס דערשטוינט און פארוואונדערט. קיין הער־

שערם און עלטסטע האָבן זיי נישט. אָבער זיי לעבן אין משפחות, אָדער שבטים צעשפּרייט איבערן גאַנצן לאַנד."

ענלעכע זאַכן באַשרייבט ער וועגן ניי־זעלאַנד:

„די ענגלענדער האָבן געפונען די אורשפּרינגלעכע איינוווינער פון ניי־זעלאַנד אַלס שטילע מענטשן, און א סך מער פאַרשטענדלעכע, ווי די ווילדע פון אַנדערע אינדזלען. מען זאָגט, אז די ניי־זעלאַנד אור־שפּרינגלעכע שטאַמען פון אינדיע. זיי זעען אויס ווי די הינדוסן, זיי זענען אַנטוויקלט ווי יענע און זיי קליידן זיך אין סחורות וואָס זיי וועבן פון היגע גראָזן און צמחים. זיי באַאַרבעטן די ערד, וועלכע גיט זיי גו־טע תבואה. זיי גייען אויך געיעג און פון די חיות האָבן זיי פליישׂ. זיי זענען אָבער אממערסטן געשיקט אין כאַפּן פיש, מיט וואָס זיי גיבן זיך שטאַרק אָפּ. זיי קענען מאַכן שיפלעך, אין וועלכע זיי פאַרשיפן זיך מיט נעצן צו כאַפּן פיש. איך האָב געזען זייער ווערקצייג, מיט וועלכן זיי מאַכן די שיפלעך. זיי נוצן די מכשירים אויך אין דער היים, צו ערד־אַרבעט. זייער ווערקצייג איז פון מירמלשטיין, וועלכן זיי שאַרפן, ביז עס ווערט גלאַט און שאַרף און עס זעט אויס ווי א האַק. מיט דעם מאַכן זיי כלערליי האָלצוואַרג און שיפלעך, וועלכע ווערן געמאַכט פון איין שטיק האָלץ.

„זיי קענען אויך מאַכן אַקער־אייזנס, רידלען, שווערדן און שפּיזן פון די זעלבע שטיינער. זיי זענען שטאַרקע און מוטיקע קעמפער. זיי רעדן זייער אייגענע שפּראַך, און זייערע זיטן זענען ענלעך צו די פון ציוויליזירטע מענטשן."

אין זיינע באַמערקונגען וועגן די סאָציאַלע אומשטענדן אין לאַנד און דער באַציונג צו יידן דערציילט ער:

„דאָ הערשט אומעטום פרייהייט און די רעגירונג באַלעסטיקט נישט די איינוווינער. איר איינציקער שטרעבן איז צו פאַרגרעסערן דעם ישוב. אלע זענען דאָ גלייך: רייך און אָרעם, מיוחסים און פּראָסטע לייט. די געזעצן פון לאַנד זענען גוטע און גערעכטע פאַר אַלע, וואָס קו־מען דאָ אַהער, און מען מאַכט נישט קיין חילוק צווישן פאָלק און פאָלק. אויך די יידן לעבן זיך דאָ רואיק און צופרידן און זיי געניסן פון דעם גוטס פון לאַנד. זיי פאַרנעמען אויך מלוכה־פּאָסטנס און פּאָליטישע אַמטן. כאָטש דער גרעסטער טייל פון די היגע קריסטן זענען אירלענ־דער, קאַטאָליקן, וואָס ביי זיך אין היימלאַנד האָבן זיי פיינט פון אייביק אָן דעם ייד, הגם עס זענען דאָרט קיין יידן נישט פאַראַן זינט דער צייט, ווען מען האָט זיי פאַרטריבן אין מיטלאַלטער, און וויל מען קען דאָרט נישט דעם ייד, האַלט מען אים פאַר עפּעס אַן אויסטערליש באַשעפע־

ניש, צו וועלכן עס איז א סכנה זיך צוצורירן. דאָ אָבער האָבן זיי דעם ייד דערקענט צום גוטן און די שנאה צו יידן האָט זיך אינגאַנצן אָפּגע־טאָן פון דאנען."

אויף אַן ענלעכן אופן האָט ער דורכדרינגלעך באַמערקט דאָס יידי־שע קהלה־לעבן אין סידנעי:

„אין דער דאָזיקער שטאָט וווינען ארום 500 יידן, פון וועלכע מען זוייסט, אחוץ די, פון וועלכע מען ווייסט נישט. זיי קומען דאָס רוב פון ענגלאַנד און א קליינער טייל אויך פון הערצאָגטום פּויזן. אָבער אויך די לעצטע זענען אַהערגעקומען פון ענגלאַנד, ווייל זייער א סך פון יע־נעם געגנט זענען ארייגעוואַנדערט קיין ענגלאַנד. זיי קומען אַהער מיט שיפן, וואָס גייען גלייך פון ענגלאַנד דורך דעם „קאַפּ פון גוטער האָפע־נונג". אויך היינט האַלטן אין איין צוקומען מער יידן, און זיי באַזעצן זיך דאָ אויף שטענדיק, ווייל עס איז זיי בעסער דאָ ווי דאָרט.

„די יידן זענען צום טייל גרויסע סוחרים און אָנגעזעענע מענטשן. אַנדערע ווידער זענען הענדלער, וואָס גייען ארום מיט די פּעק אויף די פּלייצעס, אָדער פאָרן אין וועגענער איבער שטעט און דערפער און פאַר־קויפן זייערע סחורות, ווי עס פאָרן זיך די אָנגעקומענע יידן אין ענג־לאַנד און אַמעריקע. נאָר דאָ מאַכן זיי א סך בעסער ווי דאָרט, ווייל זיי קריגן דאָ באַצאָלט מיט גאָלד אַנשטאָט געלט. דערפון זענען טאַקע א סך נתעשר געוואָרן."

פון די באַשרייבונגען פון אויסטראַליע און ניי־זעלאַנד, ווי אויך פון אַלע אַנדערע לענדער שווימט ארויס א פּילזייטיקע, אינטערעסאַנ־טע פּערזענלעכקייט, באַגאַבט מיט א שעפערישער פעדער, און אַן אָב־סערווירנדיקער מענטש, וועלכער האָט אין זיין קורצן באַזוך געזען דאָס ליכטיקע און שאָטנדיקע אין דער פּריסטער יידישער אויסטראַליע.

דאָס בוך איז א זעלטענער בייטראַג צו דער געשיכטע פון א קי־בוץ, וועלכער האָט כמעט ווי הונדערט יאָר שפּעטער נאָך נישט געפונען פאַר נויטיק צו פאַראייביקן זיין אייגענע פאַרגאַנגענהייט.

ווי עס איז פריער געזאָגט געוואָרן, האָט יעקב ספּיר הלוי באַ־שריבן זיינע רייזע־איינדרוקן אין צוויי בענדער אונטער דעם נאָמען „אבן ספּיר". דער ערשטער באַנד, וועלכער נעמט ארום זיין רייזע אין מצרים און אין די שכנותדיקע לענדער, איז דערשינען אין ליק (מזרח־פּרייסן) אין יאָר 1866. דער באַנד איז ארויסגעגעבן געוואָרן דורך דעם פאַרבאַנד „מקיצי נרדמים" און ווי מיר ווערן געוואָר איז דער פאַר־וואַלטער פון פאַרלאַג געווען א געוויסער זילבערמאַן. פון שערבלאַט צום ערשטן באַנד דערוויסן מיר זיך, אז דער פאַרלאַג „מקיצי נרדמים" איז

געשטאַנען אונטערן אויפזיכט פון די באַקאַנטע יידישע געזעלשאַפט־לעכע און משכילישע פערזענלעכקייטן

„משה מונטיפיורי בלאָנדאָן,

שמואל דוד לוצאטו בפאַדובה,

אברהם הכהן (המכונה דר. אלברט כהן) בפאַריז,

מתתיהו שטראַשון בווילנא,

אליעזר הלוי (המכונה דר. לעווע) בברייטאָן,

אליעזר ליפמאַן זילבערמאַן בליק.״ (לויט ספּירס אויסלייג)

דער צווייטער באַנד פון זיין ספר, אין וועלכן ער באַשרייבט זיינע רייזעס קיין אַדען, אינדיע, סינגאַפּור, באַטאַוויע, אויסטראַליע און ניי־זעלאַנד, איז איבּ אָנגעקומען א סך שווערער ארויסצוגעבן. ווי דער מחבר שרייבט, האָט ער זיך געווענדן צו דער „חברה מפיצי השכלה״ אין פּעטערבורג, ווי אויך צו דער „חברה כל ישראל חברים״ אין פּאַריז וועגן א געלט שטיצע כדי ארויסצוגעבן דעם צווייטן באַנד. ווי עס ווייזט אויס, האָט ער קיין פינאַנסיעלע הילף פון די אויבערדערמאָנטע געזעלשאַפטן נישט באַקומען, ווייל דער צווייטער באַנד איז געדרוקט געוואָרן ערשט אַכט יאָר נאָך דעם ערשטן, אין 1874, אין מיינץ, אין דער דרוקעריי פון זיין איידעם, דעם באַוווּסטן משכיל יחיאל בריל.

ביידע בענדער זענען פאַרזען מיט הסכמות און אריינפיר־בריוו, אין וועלכע מען לויבט כּפירן מיט די גרעסטע שבחים, געשריבן דורך די גרעסטע רבנים און גאונים פון זיין צייט, ווי הרב מאיר ליבוש מלבים, הרב מאיר אויערבאַך פון ירושלים, הרב אברהם אשכנזי פון ראשון לציון, הרב הכולל אין פראַנקרייך, זלמן אולמאַן און אַנדערע.

אונזערע ביאָגראַפישע פרטים, וועלכע זענען אויבן געבראַכט געוואָרן, זענען גענומען געוואָרן פון זיין קורצער אויטאָביאָגראַפיע, וועלכע איז בייגעלייגט צום ערשטן באַנד. זיי ענדיקן זיך אָבער מיט זיין צוריקקער קיין ירושלים פון זיין צווייטער וועלט־רייזע אין 1864, און זינט דאַן ווייסן מיר גאָר ווייניק וועגן זיין ווייטערדיקן לעבן. מיר ווערן אָבער געוואָר פונם פינפטן באַנד פון דער „אוניווערסאַלער ענגליש־יידישער ענציקלאָפּעדיע״, אַז יעקב ספיר איז געשטאָרבן אין ירושלים אין יאָר 1885, אין עלטער פון 63 יאָר.

שנים ודברתי על לבו להביאם אליו. וכן עשה ושלח להם על הוצאות הדרך הגדול חוה, כי יוכלו לנסוע מבנראת לפה באנית הקטור דרך האי ציילאן. וגם אני הוספתי דברים במכתב להרבנים כד"צ של באגדת שיעורו בדבר, ואם לא תאבה האשה ללכת אליו ורצונה בספר כריתות יעשה רצונה גם בזה, והוריתי להם את הדרך בשליחות הגט על הפאסט.

עשיתי פה עד ט"ו טבת והלכתי באנית קטור ארבעה ימים לעיר מעלבורנע, וביום י"ט טבת באנו אל החוף פארט פיליפ בלשון הים, נסל יפה מאד עיר הומיה ובנינים נאים, ולנתי בה, ולמחרתו הלכתי במסלת חברזל לעיר הגדולה מעלבורנע בירת הנוף וויקטאריע.

מט.

מעלבורנע ויושביה

העיר הזאת נבנתה אך זה מקרוב כשבע שנים. אחרי אשר מצאו סביבות המקום הזה מכרה זהב הרבה מאד יתר מבסביבות סידניי והקול נשמע באיירופי כי בחוצן יביאו אבני זהב ועפרות זהב מזוקק, עפואליה המונים המונים מאפסי ארץ, וחבורות אנשים התאגדו ומצאו להם עפ"י הבחינה כברות אדמה מתנוצצת מזהב אשר בבטנה. והכינו להם שמה אוהלים לשבת לפי שעה ויחפרו את האדמה והיא ענתה להם בלשון זהב ותראם את טוב לבבה כי ברכה בקרבה. והממשלה ראתה את ההמון הרב הזה נפוצים על פני השדה — לחורב ביום וקרח בלילה וגם האוהלים אשר נטו לשבת לא מצאו להם. וגם חברי גנבים ישוטטו בלילות ויבואו מאחריהם להריק את אשר באהליהם. ומאמעריקע הביאו סוחרים בתי ברזל ויצינום על פני השדה ושכרם ערך רב — ע"כ נועצה הממשלה לכונן לה העיר הזאת. אשר היתה מישור רפש וטיט ארץ חרבה ושממה, ותמדד בחבל נחלת ובמחוגה תארה רחובותיה וחוצותיה ומכרה אדמתה באמת הבנין. כל מקום לפי עמדתו בשוק הימין או בשמאל, קרוב או רחוק על פי גרם המעלות, ומכרה בזול מאד למען יקפוצו הקונים, וגם הממשלה בנתה בתים גדולים בראש כל רחוב, ולא עברו ימים מועטים ונבנתה העיר על תלה. ומחיר האדמה והבתים עלה עשר מעלות. וגם מזה התעשרו רבים. כי אלה אשר קנו בתחלה הרויחו עשרת מונים. ויש אשר השכירו אדמתם לאחרים והם בנו הבתים, יקחו עתה שכירות כל שנה רק בעד האדמה את אשר נתנו במחיר כולה.

העיר הזאת בנויה לתלפיות כלילת יופי רחובותיה רחבות וישרות על המחוגה, ובטוב טעם איירופי, בתיה ומגדליה גדולים וגבוהים' נטועה בעצים ואלונים ובכל יום הולכת ומתרחבת לכל צד. מספר תושביה לא נדע כי בכל שבוע יבואו אלי' ספינות מרחוק ומקרוב מלאות

אנשים. עד כי עתה כבר גדולה היא סידניי ויחשבו דריה למאה ועשרים אלף, ותגדל ותרבה יום יום, ונודעת ברוב עשרה ומסחרה. כי בשנים הראשונות בעוד לא היתה ארץ נושבת, ארץ לא זרועה ולא נטועה, לא בגד ולא עור. וכל הבאים האלה — אשר יותר ממאת אלף איש באים בכל שנה — צריכים צרכי החיים לאכול ולשתות ללבוש ולנעול, ופה היה אך מדבר שממה. והיו סוחרי איירופי מביאים להם כל צרכיהם אלה מלאנדאן ושאר ארצות. ומאשר אין כסף נחשב בימים ההם והזהב כעפר לדוש הרבו הסוחרים במחיר כל דבר עשרת מונים, הפונד לחם בשיללינג כי מטבע פחותה מזה לא ידעו, כוס שכר כסוה, ציגארע אחת בחמשה שיללינג. ובערכך הזה כל הצרכים, ושמלה ומנעל כיוצא בהם, והיה ביום יעמלו עם הארץ להוציא זהב מן הארץ ובערב יביאום אל בתי המאכל והמשתה וחניות שמלה ונעל, ושמה יהיו.

אמנם גם לזהב שם קץ ואשר הרתה האדמה אלפי שנה המליטה בשנים אחדות, ועתה בעמל רב יחפרוהו עמוק עמוק אלפי רגל מתחת לארץ באורך ורוחב והאבנים יטחנו ברחים ובזעת אפים ירחצו עפרות הזהב. הימים הראשונים אשר משלו במכמני הזהב ובחופן וחוצן אספו זהב מופז מתחת רגליהם חלפו הלכו למו. אך שם ושם עוד נמצא, ובכל זאת העיר עוד תפרח כשושנה ותרב ישובה יום יום ובנינים חדשים לבקרים נוצצים ברחובותיה. ומסחרה הולך הלוך וגדול. כי האדמה תוציא צמחה ופרי הארץ לגאון; העץ יתן פריו, הגפן ודם ענב לרויה, והשכר לא ימר לשותיו, הבשר שמן וטוב משורי (בופפעל אקס) אבוס אשר אין באיירופי שוה להם. הסוסים הגדולים והעזים אשר פראים היו ושאפו רוח במדבר, יצודום במכמרתם וילמדום למשוך בעול ומשא לעיפה, עשתרות צאן ירביון על מיטב מרעה ומנזת צמריהם יחממו גם איירופא ותשביע את בריטאניא בצמרה ויבול ארצה. וגם פה התכוננו הרבה בתי מלאכה לכל מעשה ועבודה רבה ולא תצטרך עוד להביא ממרחק לחם ושמלה.

פה נמצאו כאלף איש יהודים נודעים, רובם מענגלאנר ומעוטם מפולין. להם שתי בתי כנסיות האחת גדולה ומפוארה בשם „שארית ישראל" ורוב המתפללים בה המה ילידי ענגלאנד. ולהם ש"ץ וקורא, ולפעמים גם דורש ומורה, איש חכם ונכבד כהר' ע' מ' מאייער והפרנס הנגיר הנכבד כה' ע' כהן, עם ועד מאנשים עשירים ונכבדים, מנהלי הקהלה. והשנית גם היא נאה וקטנה ממנה ורוב באי הבית הזה הם ילידי פולין, גם ראשי קהלתם אנשים נכבדים בעלי עושר ואנשי מדע, ולהם חזן וקורא ולפעמים גם דורש ומורה. החכם השלם מוה' משה רינטל הכהן מילידי פולין והתגדל בלאנדאן וגם הוא היה פה שו"ב מתחלה, והאיש נכבד בעירו כי הוא גם עשיר שהיה מראשוני באי הארץ, אשר היה אנוש יקר מחרוץ. שו"ב אחד לכולם איש ישר הולך ויורא ה' מרבים הרבני המופלג מוהר"י אייזיק ליב נ"י גאלדשטיין יליד טיקטין בפולין. וגם הוא חזן שני בביהכ"נ

א.

די ים־רייזע קיין אויסטראַליע

איך האָב דאָ (אין באַטאַוויע) פֿאַרבראַכט זיבן וואָכן, און אַזוי ווי איך האָב נישט געקאָנט באַקומען קיין דאַמף־שיף, וואָס גייט דירעקט קיין אויסטראַליע, און אויך נישט קיין איינע פֿון די דריי־זעגלדיקע שיפֿן, וואָס גייען פֿון אייראָפּע אין דעם ים עולם (שטילער אָקעאַן), און וואָס האָבן דריי שטאָק און א סך חדרים מיט בעטן פֿאַר טויזנט מענטשן, האָב איך געמוזט פֿאָרן מיט א קלײנער צוויי־זעגלדיקער שאָטלענדישער שיף, וואָס איז געגאַנגען קיין סידנעי מיט סחורות, וואָס ווערן פֿון דאַנען געשיקט קיין אויסטראַליע: קאַווע, צוקער־קמה, מושקאַבעט, פֿעפֿער, רייז, פֿאַרשידענע בשמים קאָקוס־ניס און קאָקוס־אייל, און אויך צען קלײנע אַראַבישע פֿערד, וואָס זענען טייער אין אויסטראַליע, און דריי גרויסע שלדקראָטן, וועלכע האָבן פֿאַרנומען דעם גאַנצן אויבערשטן דעק פֿון דער שיף. קיין אַנדערע רייזנדער אחוץ מיר זענען נישט געווען, אויסער דעם קאַפּיטאַן, זיין ברודער און 10 מאַטראָזן.

אין דריטן טאָג פֿון אלול האָב איך מיך אויפֿגעזעצט אויף דער דאָזיקער שיף, נאָכדעם ווי איך האָב מיר אָנגעגרייט שפּייז אויף פֿופֿציק טעג, הגם מען האָט מיר מבטיח געווען, אז די רייזע וועט נישט דויערן מער ווי 40 טעג. דער לעזער דאַרף פֿאַרשטיין, אז איך האָב מיר נישט אָנגעגרייט קיין פֿלייש און קיין וויין און אַנדערע גוטע זאַכן, נאָר טרוקן ברויט־בישקוט, און געזאַלצענע פֿיש־סאַרדינען, קאַווע, צוקער, פּוטער, רייז, ברען־ספּירט און גוטן אַראַק זיך צו דערקוויקן דאָס האַרץ, און כלים צו קאָכן, גרינע באַנאַנעס — אומצייטיקע, וואָס נאָכדעם ווי זיי ליגן עטלעכע טעג ווערן זיי רייף און מען קאָן זיי עסן. דער קאַפּיטאַן האָט מיר געגעבן א פּלאַץ אונטן אין מיטן שיף. איך האָב לכתחילה געמיינט, אז דער פּלאַץ איז נישט קיין גוטער, נאָר עס האָט זיך דערנאָך ארויסגעוויזן, אז עס איז געווען פֿאַר מיר א טובה. דעם זעלבן טאָג האָט די שיף אויפֿגעהויבן די זעגלען, עס האָט געבלאָזן א שטילער ווינט און מיר זענען געפֿאָרן לאַנגזאַם. די ערשטע פֿינף טעג, ווען מיר זענען דורכגעפֿאָרן דעם דורכגאַנג אויף דעם אינדישן ים צווישן די יאַוואַנישע אינדזלען און סומאַטרא, בין איך געזעסן אויף דעם אויבערשטן דעק פֿון דער שיף אויף דער פֿרישער לופֿט, נישט קענענדיק איינזיצן קיין איין

רגע אונטן אין דעם פּלאַץ, וואָס מען האָט מיר אָפּגעגעבן, צוליב דער גרויסער היץ און שטיקנדער לופט. דעם זעקסטן טאָג זענען מיר ארויס פון צווישן די אינדזלען אין דעם גרויסן ים אריין, צו דרום צו. דעמאָלט איז דער ווינט געוואָרן שטאַרקער און די לופט קילער. די כוואַליעס פון ים האָבן זיך געהויבן און פאַרגאָסן די שיף, וואָס האָט זיך שטאַרק געוואָרפן. מען האָט פאַרמאַכט אַלע פענסטער און עפענונגען, און איך בין אַראָפּ אונטן אין דער שיף אויף מיין פּלאַץ, וווּ עס איז נישט געווען קיין לופט און קיין ליכט, בלויז אַן איינציקע עפענונג, דורך וועלכער די מאַטראָזן גייען אַראָפּ צו זייערע געלעגערס. ווען מיר זענען ארויס מער אויף צפון אין דעם אָפענעם ים, האָט זיך דער ווינט הינטער אונדז זייער פאַרשטאַרקט, און די שיף איז געפלויגן פייל־פון־בויגן. זי איז געגאַנגען מיט א געשווינדקייט פון צוועלף מייל א שעה. אזוי ווי די שיף איז געווען טיף אין וואַסער, האָט מען אויסגעשפּרייט נאָר איין זעגל. ווען די שיף איז אָפּגעפאָרן אביסל ווייטער קיין דרום, איז די קעלט געוואָרן גאָר גרויס. אין אַלע מיינע מלבושים און דעקן האָב איך מיך נישט געקאָנט דערוואַרעמען און אויך דאָס שטרוי, וואָס מען האָט געהאַט צוגעגרייט פאַר די פערד, האָט מיך נישט באַשיצט פון דער קעלט. מיינע פיס זענען געוואָרן ווי פון שטיין, און די הענט ווי שטיקער בליי, און עס האָט מיר געקלאַפּט א צאָן אָן א צאָן. איך האָב מער נישט געקענט ארויפגיין אין דער קיך אָפּקאָכן פאַר זיך דאָס ביסל רייז, ווי איך האָב דאָס געטאָן ביז איצט, ווייל דער דעק איז געווען פאַרפלייצט מיט וואַסער, און די מאַטראָזן זענען געגאַנגען באָרוועס ביז די קני. וואָרום דאָס וואַסער איז ארויף פון איין זייט און אַראָפּ פון דער צווייטער, און דער פראָסט איז געוואָרן גאָר גרויס, אזוי אז די מאַטראָזן האָבן געמוזט עסן פון די טעפּ, וואָס זענען געשטאַנען אויפן פייער, און וואָס זענען אונטן געווען הייס און אויבן געפרוירן. אזוי ווי א געפאַנגענער אין תפיסה בין איך געלעגן פאַרוויקלט און איינגעהילט 12 טעג און בלויז מיט טרוקן ברויט און קאַווע, וואָס כ'האָב מיר געקאָכט אויף ספּירט, האָב איך מיך דערהאַלטן דאָס לעבן. אזוי זענען מיר געפאָרן אָן שום פאַרפאַלן ביזן אַכטן טאָג אין תשרי. יענעם טאָג האָבן די מאַטראָזן געזאָגט, אז עס גרייט זיך פאַר זיי א פינצטערע און ביטערע נאַכט. פאַר נאַכט־צו איז דער שטורם געוואָרן וואָסאַמאָל שטאַרקער, דונערן און בליצן האָבן פאַרדעקט דעם גאַנצן ים. די שיף האָט זיך געוואָרפן ארויף און אַראָפּ און ס'האָט זיך אַראָפּגעלאָזט א שטורם מיט א שלאַגס־רעגן און מיט א האָגל, און די נאַכט איז געוואָרן שטאָק־פינצטער. די שטערן האָבן באַהאַלטן זייער ליכט און די לבנה איר שיין, און פון אויבן אויף

דער שיף האָט זיך געהערט א מוראדיקער טומל. די ווענט פון דער שיף האָבן זיך געבראָכן. די גאַנצע חכמה פון קאַפּיטאַן האָט נישט געהאָלפן, ווייל ער האָט פאַרלוירן דעם וועג. לויפנדיק אהין און אהער איז ער אומגעפאַלן און זיך צעבראָכן א האַנט. זיין ברודער מיט בלויז פינף מאַטראָזן זענען פאַרבליבן צו פירן די שיף. איך האָב זיך אינגאַנצן איינגעקאָרטשעט פאַר קעלט און שרעק. איך האָב געהערט דורך דער וואַנט ווי די מאַטראָזן סודען זיך: אויב דער שטורם וועט זיך נישט איינשטילן ביז צו האַלבער נאַכט, זענען מיר אַלע פאַרלוירן! דאָס בלוט אין די אָדערן איז מיר פאַרגליווערט געוואָרן. ווו זענען אַלע מיינע האָפענונגען? איך האָב איבערגעגעבן מיין נשמה צום באַשעפער און געשוויגן. גאָט! נעם־צו מיין נשמה צו דיר, אויב מיין גוף וועט זיך נישט אומקערן צו זיין פאָלק און צו דער שטאָט, ווו עס זענען די קברים פון זיינע עלטערן! איך האָב געטראַכט אין הארצן: אין דער זעלביקער נאַכט טוט מיין בני־בית אין ירושלים שלאָגן כפּורות, און ווען זיי וואָלטן געוווסט, אז איך בין איצט זייער כפּרה, וואָלטן זיי דאָס זיכער געטאָן אין א גאַנץ אַנדערן סדר. נאָר געלויבט איז גאָט, וועלכער האָט זיך איבער אונז דערבאַרעמט. נאָך האַלבער נאַכט האָט זיך דער שטורם אביסל איינגעשטילט, און ווען עס איז געוואָרן טאָג, האָבן מיר ערשט דערזען, וואָס עס האָט זיך אָפּגעטאָן: די אויבערשטע הדרים זענען צעבראָכן געוואָרן אויף פיצלעך, און די ווענט פון דער שיף האָבן זיך פאַנאַנדערגענומען פון די כוואַליעס, וואָס האָבן זיך אָנגעקלאַפּט אָן זיי. זעקס פערד זענען געשטאָרבן אאון מען האָט זייערע נבלות געוואָרפן אין ים אריין. אויך איין שילדקראָט איז געשטאָרבן. די מאַטראָזן האָבן אין איילעניש גענומען פאַרקלאַפּן די לעכער און פאַרפעסטיקן די מאַסטן.

דער קאַפּיטאַן האָט נישט געקענט טאָן זיין אַמט, וואָרום ער איז קראַנק געוואָרן און זיין ברודער, וועלכער האָט אים פאַרטרעטן האָט געפירט די שיף לאַנגזאַם, דערנענטערנדיק זיך פון מזרח־זייט צו דער אויסטראַלישער יבשה. דעם צענטן טאָג אין תשרי, יום כפּור, איז דער ים געווען רואיק, און די זון האָט אויפגעשיינט, די שיף איז געגאַנגען אויפן ים, וואָס איז געווען שטיל ווי בוים־אייל, מיט אַלע מאַסטן אויסגעשפּרייט אַנטקעגן דעם לינדן ווינט. מען האָט אַראָפּגענומען די צורעקן און געעפנט צוריק די פענסטער, און איך האָב אריינגעאָטעמט אין מיר די פרישע לופט און געוואָרן אַן אויפגעלעבטער, אזוי אז איך האָב נישט געפילט דעם תענית און געטאָן אין התבודדות ביי מיר אין חדר די עבודה פון הייליקן טאָג מיט שמחה און מיט א לייכט געמיט און מיט בטחון, אז גאָט וועט אננעמען מיינע תפילות.

ערב סוכות תרכ״ב האָבן מיר דערזען די שפּיצן בערג פון קאַפּ וויל־סאָן און מיר זענען אָנגעקומען אין גרענעצן פון אויסטראַליע. מיר זענען אַדורכגעפאָרן פאַרשידענע לענדער, און אויך געטראָפן שיפן אויפן וועג. אין די דאָזיקע טעג האָבן מיר נישט געהאַט קיין ווינט און די שיף איז געגאַנגען לאַנגזאַם. 28 טעג אין תשרי זענען מיר בשלום אָנגעקומען אין דער שטאָט סידנעי, די הויפּט־שטאָט פון ניי־זיד־וועילס. ווען איך האָב דערזען די ערד, איז מיר ליכטיק געוואָרן פאַר די אויגן, און איך האָב פאַרגעסן אַלע צרות, וואָס איך בין אויסגעשטאַנען. מיר האָבן אַרויס־געשטעלט א פאָן פאַר א צייכן. עס איז אונז אַנטקעגן געקומען דער וועג־ווייזער און פאַרנאַכט האָט ער אונז צוגעפירט צום ברעג. די וועלבע נאַכט בין איך אַרויס אויף דער יבשה וואָרום איך האָב שוין נישט גע־האַט קיין געדולד נאָך דער שווערער נסיעה פון 53 טעג במשך פון וועל־כע איך בין געווען ווי א געפאַנגענער אין תפיסה און האָב זיך אָנגעליטן פון פראָסט און קעלט, הונגער און דורשט, אַנגסט און טויט־שרעק. גע־לויבט איז גאָט, וואָס טוט גוטס צו די זינדיקע! אין דיר, גאָט פון יעקב, אָט מיין האָפענונג!

ב.

אויסטראליע

הגם איך האָב געלעבט און פאַרבראַכט אין דעם דאָזיקן נייעם זועלט־טייל אַרום 15 חדשים, האָב איך נישט קיין סך מחדש צו זיין און צו דערציילן. מיין ציל איז נישט צו אַנטפּלעקן נייעסן, נאָר איבערצו־געבן אַלט־באַקאַנטע זאַכן איבערהויפּט וועגן אונדזערע ברידער און אויך דערפון, וואָס איז פיל־ווינציק באַקאַנט אין די לענדער פון אייראָפּע. דער לעזער וועט ווינציק געניסן אויב איך וועל אַ סך מאריך זיין, און איך וועל דעריבער בקיצור דערציילן וועגן דעם לאַנד און פאַרבייגייענ־דיק וועל איך באַריכטן וועגן דער קולטור פון אויסטראַליע און וועגן אירע איינוווינער, און אויך טיילווייז דערפון, וואָס איך האָב דאָ מיט־געמאַכט דורך דער צייט, וואָס איך האָב דאָ פאַרבראַכט.

די שטאָט סידנעי און אירע איינוווינער
די יידן און זייער באַשעפטיקונג

די שטאָט סידנעי שטייט ביים ים־איינגוס פּאָרט יאַקקסאָן און דאָ זווינט דער גאָווערנאָר פון דעם שטאַט, נ. ס. וו. ערשט זיבעציק יאָר ווי מען האָט אָנגעהויבן דאָס לאַנד צו באַזעצן — בערך אין יאָר 1790 האָבן די ענגלענדער פאַרנומען דאָס לאַנד, און געמאַכט עס פאַר אַן עיר מקלט און פאַרשיקונגס־פּלאַץ פאַר פאַרברעכער, וועלכע זענען דאָ אַהער פאַרשיקט געוואָרן אָפּצוקומען זייער שטראָף און צוצוגרייטן אַ קאָלאָ־ניע. זעענדיק, אַז דער ישוב איז אַ גוטער און אויך דאָס לאַנד איז גוט, האָבן זיי אָנגעהויבן באַאַרבעטן די ערד. די ערד האָט זיי באַלוינט פאַר זייער מי און געגעבן גוטע פרוכטן און תבואות. מען האָט אָנגעהויבן בויען שטעט, אַ טייל האָט זיך גענומען צו מסחר און אַלע האָבן מצליח געווען און געוואַקסן אַזוי, אַז די שטראָף איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין גליק און אין עושר, און די שולד — אין פרייד און אין גוטס. עס זענען נאָך דאָ פאַראַן אַ סך פון די, וואָס זענען אַהערצו פאַרשיקט געוואָרן

אַלס פאַרברעכער, און איצט זענען זיי גרויסע לייט, נגידים און נכבדים. ווען עס איז געוואָרן באַוווסט, אַז דאָס לאַנד איז גוט, זענען אַהערצו געקומען פון אייראָפּע, פון ענגלאַנד און פון אירלאַנד בפרט, אַ סך מענטשן, וואָס האָבן זיך פאַרנומען מיט ערד־אַרבעט, פי־צוכט און מסחר. און ווען די ערד האָט געעפנט איר אינגעווייד און אַנטפּלעקט אין אירע באַהעלטענישן אוצרות גאָלד, וואָס זענען געווען אין איר פאַרבאָרגן אין דער סביבה פון דער שטאָט באַטהורסט, האָבן דאָרט אַהין געקומען ציען מאַסן מענטשן פון אַלע עקן וועלט און זיי האָבן אָנגעזאַמלט פולע זעק מיט גאָלד. דאָס איז געשען אין יאָר 1850 און עד היום קומען דאָרט אַהין אַ סך מענטשן. דער געיעג נאָך גאָלד האָט אַהינצו געצויגן אויך אונזערע יידן. עס האָט זיך אָנגעהויבן פאַרשפּרייטן דער מסחר, וואָרום די גאָלד־זוכער האָבן זיך גענויטיקט אין ברויט, קליידונג און הייזער. דאָס געלט האָט נישט געהאַט קיין גרויס ווערט און מען האָט זיך געוואָרפן מיט גאָלד אין די גאַסן. די יידן האָבן צום גרעסטן טייל זיך פאַרנומען מיט דעם, וואָס זיי האָבן צוגעשטעלט פאַר די גאָלד־זוכער זייערע הצטרכותן און אויך אָפּגעקויפט פון זיי דאָס גאָלד, פאַרדינענדיק דערביי אַ סך מער פאַר די גאָלד־גרעבער. דאָס רוב יידן וווינט טאַקע דאָ, אין די גרויסע שטעט, וו דער מסחר איז מער פאַרשפּרייט, און זיי זענען געוואָרן רייך און גרויס. בכלל האָבן די אַלע, וואָס זענען געקומען קיין אויסטראַליע, נישט מיטגעבראַכט קיין גאָלד און קיין פאַרמעגנס, אָבער אַ סך האָבן מצליח געווען און זיך דערוואָרבן עשירות און כבוד און האָבן פרנסה בריוח פון זייער מי, מחמת אַרבעט און מלאכה זענען דאָ זייער טייער. קיין אָרימעלייט זענען דאָ נישט פאַראַן, אַחוץ אַלטע און קראַנקע לייט, וואָס דאַרפן אָנקומען צו מתנת בשר ודם.

דאָ הערשט אומעטום פרייהייט און די רעגירונג באַלעסטיקט נישט די איינוווינער. איר איינציקער שטרעבן איז צו פאַרגרעסערן דעם ישוב. אַלע זענען דאָ גלייך: רייך און אָרעם, מיוחסים און פּראָסטע לייט. די געזעצן פון לאַנד זענען גוטע און גערעכטע פאַר אַלע, וואָס קומען אַהער, און מען מאַכט נישט קיין חילוק צווישן פאָלק און פאָלק. אויך די יידן לעבן זיך דאָ רואיק און צופרידן און געניסן פון דעם גוטס פון לאַנד. זיי פאַרנעמען אויך מלוכה־פּאָסטנס און פּאָליטישע אַמטן. כאָטש דער גרעסטער טייל פון די היגע קריסטן זענען אירלענדער, קאַטאָליקן, וואָס האָבן אין זייער הײמלאַנד פיינט דעם ייד פון אייביק אָן, הגם עס זענען דאָרט נישט קיין יידן פאַראַן, זינט מען האָט זיי פאַרטריבן אין מיטלאַלטער, און וויל מען קאָן נישט דאָרט דעם ייד, האַלט מען אים פאַר עפּעס אַן אויסטערליש באַשעפעניש, וואָס איז אַ סכנה

אים אָנצורירן. דאָ אָבער האָבן זיי דעם ייד דערקענט צום גוטן און די שנאה צו יידן האָט זיך אינגאַנצן אָפּגעטאָן פון דאַנען.

אין דער דאָזיקער שטאָט וווינען ארום 500 יידן, פון וועלכע מען ווייסט, אחוץ די, פון וועלכע מען ווייסט נישט. זיי קומען דאָס רוב פון ענגלאַנד און א קליינער טייל אויך פון הערצאָגטום פויזן. אָבער אויך די לעצטע זענען אַהערגעקומען פון ענגלאַנד, ווייל זייער א סך פון יענעם געגנט האָבן אריינגעוואַנדערט קיין ענגלאַנד. זיי קומען אַהער מיט שיפן, וואָס גייען גלייך פון ענגלאַנד דורך דער „קאַפּ גוטע האָפּענונג". אויך היינט האַלטן אין איין צוקומען מער יידן, און זיי באַזעצן זיך דאָ אויף שטענדיק, ווייל עס איז זיי בעסער דאָ ווי דאָרט.

די יידן דאָ זענען צום טייל גרויסע סוחרים און אָנגעזעענע מענטשן. אַנדערע ווידער זענען הענדלער, וואָס גייען ארום מיט די פּעק אויף די פּלייצעס, אָדער פאָרן ארום אין וואָגנס איבער שטעט און דערפער און פאַרקויפן זייערע סחורות, ווי עס פירן זיך די אָנגעקומענע יידן אין ענגלאַנד און אין אַמעריקע. נאָר דאָ מאַכן זיי א סך בעסער ווי דאָרט, ווייל זיי קריגן דאָ באַצאָלט מיט גאָלד אַנשטאָט געלט. דערפון זענען טאַקע א סך נתעשר געוואָרן.

פאַראַן דאָ א גרויסע און שיינע שול אויף דעם אייראָפּעאישן שטייגער און רופט זיך „בית־ישראל". צוליב מחלוקת האָבן זיך איינצעלנע פון דאָרט אָפּגעטיילט און געמאַכט פאַר זיך אַן אייגן קליין שולעכל. קיין רב איז אין דער דאָזיקער שטאָט נישטאָ. זיי האָבן א חזן און בעל־קורא, כה'גרין נ"י, און אין דער קליינער שול — כה'פיליפּ נ"י, וועלכער איז אויך אַ געניטער מוהל. זיי זענען בניידע פון לאָנדאָן. זיי האָבן אויך א שוחט כה' לייב פון ווערשנא, פויזן. דער פּרנס ראשון אין דער גרויסער שול איז דער גביר כה' נתן מענדעלסאָן פון וואַרשע, און דער פּרנס שני און גבאי איז דער גביר עדוואַרד לוי פון לאָנדאָן. אין דער קליינער שול איז דער פּרנס מר. מאָזעס מאָס, און די גבאים — כה"ר פ. דזש. כהן און כה' מאיר בראַדזשיק. די מנהגים אין דער שול און דער סדר התפילה איז כמנהג לאָנדאָן און פּוילן אָן שום נייעס. דאָך זענען זיי ווייט פון זייערע ברידער אין לאָנדאָן, און אויך זענען אַנדערש זייערע דרכים, ווי זיי פלעגן זיך פירן, ווען זיי האָבן דאָרט געלעבט. וואָרום דאָרט האָט דער גרעסטער טייל פון זיי אָפּגעהיטן שבת און געגעסן נאָר דאָס, וואָס יידן מעגן עסן. אָבער אַנקומענדיק אַהער, זענען קיין יידישע קהלות נישט געווען, אויך נישט קיין שוחט און נישט קיין שול, האָבן זיך דעריבער די יידן געפירט ווי אנוסים און נישט אָפּגעהיטן דעם שבת. און אַפילו דערנאָך, ווען יידן האָבן זיך דאָ פאַרמערט און זיך געמיט צו

באַקומען א שם צווישן יידן, מאַכנדיק זיך קהלות כמנהג ישראל, זענען א סך פון זיי פאַרבליבן ביי זייער אַלטן, שלעכטן שטייגער, און מער נישט וואָס זיי רופן זיך מיטן נאָמען יידן. וואָרום דער, וואָס וויל זיך האַלטן כדת וישראל, קאָן דאָ געפינען א געאָרדנטע עדה מיטן דת ריכטיק אוועקגעשטעלט און גאָרנישט געמינערט. אויך טוען זיי א סך צדקה מיטן גאַנצן האַרץ צו זייערע אָרימערע ברידער און אויך צו די, וואָס קומען פון דער פרעמד צו זוכן דאָ זייער פרנסה. זיי צייכענען זיך אויס מיט דער יידישער מדה פון רחמנות.

נאָכדעם ווי איך האָב זיך דאָ אָפּגערוט עטלעכע טעג, פאַרברענגענדיק אין דעם הויז פון מר. בראַדזשאַק פון פויזן, האָב איך דערפילט א ווייטיק אין מיינע צעבראָכענע ביינער, און די הויט אויף מיר איז געווען געפּלאַצט פון טרוקעניש און קעלט. איך בין קראַנק געוואָרן, און מיין גאַנצער גוף האָט געברענט אין קדחת פון דער מוראדיקער נסיעה. דאָקטוירים זענען צו מיר געקומען אין משך פון 40 טעג. איך בין ב"ה געזונט געוואָרן און צוריקגעקומען צו די כוחות. דאָס וועטער אָבער אין דער דאָזיקער צייט פון יאָר האָט מיר נישט דערלויבט ארומצופאָרן און אויסצוקוקן דאָס לאַנד, וואָרום פון חשון אָן, ווען עס איז ווינטער און קעלט אין דער אַלטער וועלט, איז דאָ צייט פון זומער און פון היצן, וואָרום דאָ איז דער דרום-מזרחדיקער האַלב-קיילעך, און ווען ביי אונדז איז נאַכט, איז דאָ טאָג, און ווען ביי אונז איז זמער, איז דאָ ווינטער. די היץ דאָ איז זייער גרויס, ווייל דאָס לאַנד ליגט נאָענט צום טראָפּישן פּאַס, וואָס איז דער 33טער גראַד פון דער דרום-ברייט, און געפינט זיך ביים ברעג ים. עס זענען פאַראַן דאָ טעג, ווען די היץ ברענט ווי אן אויוון.
איך האָב מיך דעריבער צוגעאיילט מיט מיין שליחות, און וואָס מען האָט מיר דאָ מנדב געווען, איז גלייך אַוועקגעשיקט געוואָרן קיין ירושלים. גאָר ווינציק האָב איך געקאָנט זיך ארומקוקן איבער דער שטאָט און באַטראַכטן די היגע תושבים מיט אַלע פּרטים, ווי עס באַדאַרף טאָן א מענטש מיט פאַרשטענדעניש און וויסן. איך האָב געזען, אז די שטאָט איז גרויס און שיין, ווי איינע פון די גרויסאַרטיקע אייראָפּעאישע שטעט, וואָרום זי איז געבוט אויף דעם אייראָפּעאישן שטייגער. די הייזער דאָ זענען הויכע און שיינע געבויט פון שטיין און ציגל, און זענען צום רוב פון צוויי, דריי און אויך פיר שטאָק. די גאַסן דאָ זענען ברייט און גלייך, הגם די שטאָט שטייט אויף בערג און אין טאָלן. וואָגנס און קאַרעטעס לויפן מיט געקלאַפּעריי איבער די גאַסן, מענער, פרויען און קינדער גייען אַהין און צוריק, געוועלבער זענען אָנגעפילט מיט אַלדאָס גוטס, אויך פון עסנוואַרג און געטראַנקען און עס פעלט דאָ

גאָרנישט. גאָרטנס און סעדער לרוב זענען געפלאַנצט אין און מחוץ דער שטאָט און די לופט איז פריש און געשמאַק. די באַפעלקערונג דאָ איז בערך 100 טויזנט. אויפן לאַנד זענען פאַראַן ישובים פון שטעטלעך און דערפער, ווו מען פאַרנעמט זיך מיט ערד־ארבעט און פי־צוכט. גרויסע סכומים גוטע וואָל ווערן יאָר נאָדי אָר ארויסגעשיקט קיין איירָאפּע. אויך אין די ערטער וווינען איינצלנע יידן, וואָס פאַרנעמען זיך מט האַנדל. זיי האָבן אָבער נישט קיין קהילות, מחמת זייער צאָל איז ווייניק, און זיי קומען קיין סידנעי, אויב זיי דארפן מל זיין א ניי־געבוירן קינד. עס קומט אויך טיילמאָל א מוהל אַראָפּ צו זיי.

אין דער דאָזיקער שטאָט האָב איך באַלד ביי מיין אָנקומען אָנגעטראָפן אויף א מענטש א פריינטלעכן און א ליבן, וועלכער איז געווען פאַר מיר א וועגווייזער די גאַנצע צייט, וואָס איך האָב דאָ פאַרבראַכט. זיין נאָמען איז צאליח נ"י און ער קומט פון באַגדאַד. ער האָט עטלעכע יאָר געוווינט אין אינדיע, און איז געקומען אַהער מיט 6 יאָר צוריק פון קאַלקוטאַ. ער איז געווען זייער אָרים, נאָר די איירָאפּעאישע יידן האָבן אים אונטערגעשטיצט מיט אַביסל געלט, ער זאָל זיך קענען נעמען צו מסחר, ווי אַלע היגע הענדלער. ער האָט שווער און געטריי געאַרבעט און האָט מצליח געווען, און ער רעכנט זיך היינט צווישן די גבירים. ער האָט מיר געטאָן א סך גוטס, זאָל אים גאָט געדענקען דערפאַר צום גוטן! ער האָט מיר דערציילט, אז ער האָט א ווייב און א זון, וועלכע ער האָט מיט 8 יאָר צוריק איבערגעלאָזט אין באַגדאַד מחמת גרויסער נויט. איך האָב אים צוגערעדט, אז ער זאָל זיי אַראָפּברענגען אַהער. ער האָט אויך אזוי געטאָן און געשיקט זיי אויף הוצאות, זיי זאָלן קומען פון באַגדאַד מיט א שיף, וואָס גייט אַהער דורך דעם אינדזל צעילאָן. איך האָב אויך צוגעשריבן עטלעכע ווערטער אין א בריוו צו די באַגדאַדער רבנים, זיי זאָלן זיך עוסק זיין מיט דער זאַך, און אויב די פרוי וועט נישט וועלן אַהערקומען און פאַרלאַנגען א גט, זאָלן זיי טאָן איר רצון. און איך האָב זיי אָנגעוויזן ווי אזוי צו שיקן דעם גט מיט דער פּאָסט.

איך האָב דאָ פאַרבראַכט ביז ט"ו טבת און אַוועק מיט א דאַמפשיף קיין מעלבורן, וואָס איז געגאַנגען 4 טעג און אין י"ט טבת זענען מיר אָנגעקומען אין דעם ים־איינגוס, ווו עס ליגט פאָרט פיליפּ, א שיינער האַפן און א רוישיקע שטאָט מיט פרעכטיקע הייזער. איך האָב דאָ איבערגענעכטיקט און צומאָרגנס בין איך געפאָרן מיט דער באַן קיין מעלבורן, דער רעזידענץ פון שטאָט וויקטאָריע.

ג.

מעלבורן און אַנדערע אייגנווינער

ערשט זיבן יאָר ווי די דאָזיקע שטאָט איז אויפגעבויט געוואָרן*) ס'זענען דאָ אין דער סביבה געפונען געוואָרן גאָלד־גרובנס א סך מער ווי אין סידני, און ווען מען האָט זיך דערפון דערוווּסט אין אייראָפּע, אַז מען שאַרט גאָלד־שטיינער און גאָלד־זאַמד אין די הויפנס, זענען פון אַלע עקן וועלט געקומען אַהער מאַסן מענטשן, וועלכע האָבן זיך פאַראייניקט אין קאָמפּאַניעס, כדי בשותפות אויסצוגעפינען די פּלעצער, ווו עס איז פאַראַן גאָלד. זיי האָבן אויפגעשטעלט געצעלטן און זיך גענומען צו גראָבן די ערד. די ערד האָט זיי רייך באַלוינט פאַר זייער מי. די רעגירונג האָט זיך ארומגעקוקט און געזען דעם גרויסן המון צעוואָרפן און צעשפּרייט איבער פעלדער, אויסגעשטעלט אויף דער היץ בייטאָג און אויף דער קעלט ביינאַכט, וואָרום א סך האָבן נישט געהאַט קיין געצעלטן. עס האָבן זיך אויך פאַרשפּרייט גנבים־באַנדעס, וואָס האָבן ביינאַכט אויסגעליידיקט די געצעלטן. סוחרים האָבן געבראַכט אייזערנע הייזער פון אַמעריקע און זיי אויפגעשטעלט אין מיטן פעלד, גענומענדיק דערפאַר א סך געלט. און זעענדיק דאָס אַלץ, האָט די רעגירונג באַשלאָסן אויפצובויען א שטאָט אויפן אָרט, ווו עס איז פריער געווען א פאַרוויסטער פּלאַץ פון זומפּן און ליים. מען האָט אויסגעפורעמט גאַסן און פאַרקויפט די ערד לויט דער בוי־מאָס. מען האָט געשאַצט די בוי־פּלעצער לויט ווערט, ד. ה. צי זיי געפינען זיך אויף רעכטס, צי אויף לינקס, נאָענט צי וייט, און מען האָט זיי פאַרקויפט פאַר ביליק געלט, כדי עס זאָל זיך געפינען א סך קונים. אויך האָט די רעגירונג אויפגעבויט א סך הייזער אין יעדער גאַס, און עס האָט נישט לאַנג געדויערט, ווי עס איז

---

*) דער מחבר ספיר האָט זיך דאָ טועה געווען מיט דער דאַטע, ווען ער זאָגט, אַז „ערשט זיבן יאָר ווי מעלבורן איז אויפגעבויט געוואָרן." ווי באַקאַנט, איז מעלבורן געגרינדעט געוואָרן אין 1835, עס איז אָבער מעגלעך, אַז ער האָט געמיינט דאָס אַנטשטיין פון וויקטאָריא אַלס זעלבסטשטענדיקן שטאַט, מיטן אָפּרייסן זיך פון ניי סאַוט וויילס אין 1851.

אויסגעוואקסן א שטאָט. דער מקח פון ערד און הייזער איז באַלד גע־שטיגן צענפאַך און א סך זענען אדאנק דעם רייך געוואָרן, ווייל די, וואָס האָבן די ערשטע געקויפט לאַנד, האָבן עס פאַרדינגען צו אַנדערע, און יענע האָבן אויפגעשטעלט הייזער, און אָפּגעצאָלט פאַרן באָדן אזוי פיל, אז דער אָפּצאָל פאַר איין יאָר האָט באַטראָפן דעם גאַנצן קאָסט פון דעם פּלאַץ.

די שטאָט האָט זיך שוין פאַנאַנדערגעבויט. די גאַסן זענען געשניטן ברייט און גלייך לויט דעם גוטן אייראָפּעאישן געשמאַק, פאַרפלאַנצט מיט ביימער און פאַרבויט מיט גרויסע הייזער און בנינים. די שטאָט וואַקסט און שפּרייט זיך פאַנאַנדער אין דער לענג און אין דער ברייט. די צאָל איינוווינער איז נישט באַוווסט, ווייל יעדע וואָך קומען אָן פולע שיפן מיט מענטשן פון נאָענט און פון ווייט, און שוין איצט איז די שטאָט גרעסער ווי סידנעי און מען שאַצט די צאָל תושבים ביז 120 טויזנט. די שטאָט וואַקסט פון טאָג צו טאָג און איז באַוווסט מיט איר רייכטום און מסחר, ווארום אין די ערשטע יאָרן איז דאָס לאַנד נאָך גע־ווען וויסט און גאָרנישט איז דאָרט געווען פאַרפלאַנצט און פאַרזייט. עס האָבן אָנגעהויבן אָנקומען מענטשן — אין ערך 100 טויזנט נפשות קור־מען אַהער יעדעס יאָר — האָבן דאָך די מענטשן געהאַט פאַרשידענע הצטרכותן, צו עסן, צו טרינקען און זיך באַקליידן, און דאָס לאַנד דאָ איז געווען מדבר, האָבן אייראָפּעישע סוחרים גענומען ברענגען אַלץ פון לאַנדאָן און פון אַנדערע מדינות. אזוי ווי דאָס געלט האָט נישט גע־האַט קיין ווערט אין יענע צייטן, און אויף גאָלד האָט מען געטרעטן ווי אויף זאַמד, האָבן די סוחרים גענומען צענפאַך באַצאָלט פאַר זייערע סחורות. א פונט ברויט האָט געקאָסט א שילינג, פון א קלענערער מטבע האָט מען נישט געוווסט, א גלאָז ביר האָט אויך אזויפיל געקאָסט, פאַר א ציגאַר האָט מען גענומען 5 שילינג, און אזוי אויך מיט אַלע אַנדערע זאַכן — קליידער, שיך א. ד. גל. בייטאָג האָבן די מענטשן געגראָבן דאָס גאָלד און ביינאַכט עס איבערגעלאָזן אין די קראָמען פאַר עסנוואַרג און קליידונג.

אָבער אויך צום גאָלד קומט אַן עק, און דאָס וואָס די ערד האָט אויסגעטראָגן אין זיך אין משך פון טויזנטער יאָרן, האָט זי עס אויסגע־שפּיגן אין עטלעכע יאָר. איצט מוז מען גראָבן די ערד מיט גרויס מי טויזנטער פוס טיף אין דער לענג און אין דער ברייט, מען מאָלט די שטיינער אויף מילן, און מען וואַשט מיט שוויים ארוים פון זיי דאָס גאָלד. די ערשטע צייטן, ווען מען האָט געשאַרט דאָס גאָלד הויפנווייז, זענען שוין פאַרביי. בלויז אין עטלעכע ערטער געפינט מען נאָך גאָלד.

דאָך בליט די שטאָט און דער ישוב האַלט אין איין פאַרגרעסערן זיך, און עס וואַקסן אויס נייע געביידעס טאָג נאָך טאָג. דער מסחר ווערט וואָס אַמאָל גרעסער, וואָרום די ערד גיט־אַרויס פּרוכט און תבואה לרוב. די ביימער ברענגען פרוכטן, וויינטרויבן און וויין בשפע, דאָס פליישׂ פון בופל־אָקסן איז פעט און געשמאַק, וואָס אַזעלכעס איז אין אייראָפּע גאָרנישט בנמצא. די גרויסע און שטאַרקע פערד, וואָס זענען אַמאָל וויל־דערהייט אומגעלאָפן איבערן מדבר, ווערן געפאַנגען און צוגעוווינט צו שלעפּן משאות. סטאַדעס שעפּסן האָדעווען זיך אויך גוטער פּאַשע, און מיט זייער וואָל וואַרעמט זיך אויך אייראָפּע, און ענגלאַנד ווערט געזע־טיקט מיט די פּרוכטן און מיט דער וואָל פון היגן לאַנד. מען האָט אויך דאָ אויפגעבויט פאַבריקן, וואָס אַרבעטן אויס אַלערליי סחורות, און מען דאַרף מער נישט ברענגען שפּייז און קיין קליידונג פון די מרחקים.

דאָ געפינען זיך אַן ערך 1000 יידן, פון וועלכע מען ווייסט, מערסטנס קומען זיי פון ענגלאַנד, און אין א קליינער צאָל פון פּוילן. עס זענען דאָ פאַראַן צוויי שולן, איינע א גרויסע, פּרעכטיקע שול „שארית ישראל״, וווּ דער גרעסטער טייל מתפללים קומען פון ענגלאַנד. זיי האָבן אויך א חזן און בעל־קורא, וועלכער איז אויך אַ פּרעדיקער, זייער א גע־לערנטער און בכובדער מענטש, כה״ה ע. מ. מאיער. דער פּרנס איז דער אָנגעזעענער גביר, כה׳ ע. כהן. אויך דער ועד באַשטייט פון בכבוד׳ע, נגידישע לייט, וועלכע פירן אָן מיט דער קהילה. אויך די צווייטער שול איז א שיינע, הגם קלענער פון דער ערשטער, און דער גרעסטער טייל מתפללים אירע שטאַמען פון פּוילן. אויך אירע פּרנסים זענען אָנגעזע־ענע, גבירישע מענטשן. זייער חזן און בעל קורא איז מוה׳ משה רינטעל הכהן, א געבוירענער אין פּוילן און אויפגעצויגן אין לאָנדאָן. ער איז דאָ פריער געווען א שוחט. ער איז זייער אַן אָנגעזעענער מענטש און אַן עושר און געווען פון די ערשטע יידן, וואָס זענען דאָ אָהערגעקומען, און א מענטש פון אַזאַ שניט איז נאָך דאָ געווען א גרויסע זעלטנהייט. היינט איז דער שוחט אַן ערלעכער און גאָטספאָרכטיקער ייד, מוהר״י אייזיק לייב גאָלדשטיין פון טיקטין, פּוילן. ער איז אויך חזן שני אין דער גרוי־סער שול און איז זייער באַליבט ביי אַלעמען. אויך דאָ איז נישטאָ קיין רב און דעריבער זענען די היגע קהילות צעטיילט.

דער יידישער ישוב אין מעלבורן איז יונגער פאַר דעם ישוב אין סידנעי, און דאָס רוב יידן דאָ זענען ערשט נישט לאַנג געקומען קיין אויסטראַליע. עס וווינען אויך דאָ א סך יידן פון סידנעי, וועלכע זענען אַהערגעקומען, ווען די גאָלד־גרובנס און דער מסחר האָבן זיך דאָ אָנגע־הויבן שטאַרק פאַנאַנדערוואַקסן. ווינציק יידן האָבן זיך דאָ פאַרנומען

מיט גראָבן גאָלד, ווייל מען האָט געדאַרפט אַרבעטן אום שבת און עס איז שווער געווען צו באַקומען צו עסן כשר עסן. די ערשטע צייטן, ווען זיי זע־נען אהערגעקומען, האָט זיי געפעלט פון אַלעם. מ'האָט אַראָפּגעבראַכט א שוחט קיין מעלבורן, אויפגעשטעלט א שול און געמאַכט א קהילה, ווי עס פּאַסט פאַר אן עדה יידן. פונדעסטוועגן האָב איך אויך דאָ געזען די אייגענע צרה אפילו ביי די פרומע יידן, וואָס האַלטן זיך ביי דער תורה הקדושה מיטן גאַנצן האַרצן און גייען יעדן פרימאָרגן און יעדן אָוונט אין דער שול אַריין. דאָך איז דער ענין פון שחיטה און כשרות זייער א גרינ־גע זאַך ביי זיי. זיי זענען שוין צוגעוווינט געוואָרן דערצו נאָך פון די ער־שטע צייטן, ווען זיי זענען אהערגעקומען און נישט האָבנדיק קיין שוחט, האָבן זיי זיך געמאַכט היתר צו עסן טריפות. איך האָב געטראָפן צווישן ערלעכע און פרומע יידן אזעלכע, וואָס זענען מדקדק אין מצוות, אָבער זיי קויפן טריפה פלייש ביי גוים און מאַכן עס כשר לויטן דין און זענען זייער אָפּגעהיטן אין פליישיקס און אין מילכיקס און האָבן באַזונ־דערע כלים. איינער האָט מיר דערציילט, אז ער האָט געפלעגט צו קויפן פלייש פון יידישער שחיטה, ער האָט זיך אָבער דערוווּסט וועגן זייער מיאוסע מעשים פון שוחט, און זיין שחיטה איז אויך נבלה, איז אים פאַרמיאוסט געוואָרן צו עסן פון זיין שחיטה, און ער האָט זיך געמאַכט א היתר צו קויפן פלייש ביי א גוי, און עס אויסגעזאַלצן לויט דעם דין. אויך אַנדערע טוען אזוי ווי ער, און הגם זיי האָבן שוין היינט א גוטן שוחט, א ירא שמים האַלטן זיי זיך אַלץ ביי דעם שלעכטן מנהג, וואָרום טריפה פלייש קריגן זיי געקויפט צו יעדער צייט און אומעטום, און כשר פלייש קאָנען זיי קריגן נאָר אין באַשטימטע טעג און דאַרפן גיין נאָך דעם זייער ווייט. איך ווייס, אז אויב דאָ וואָלט געווען א רב א למדן און א ירא שמים, וואָלטן אַלע געווען צו אים געהאָרכזאַם און אָפּגעהיטן יידישקייט כדת משה וישראל. שולדיק אין דעם דאָזיקן מכשול איז דער, וואָס אונטער זיין פירונג איז דאָס יידנטום פון דעם בריטישן מלכות, ווייל אויך דאָ פאָלגט מען זיינע באַפעלן.

דער רוב פון די, וואָס זענען אהערגעקומען, האָבן נישט געהאַט קיין ווייבער, און אפילו די, וואָס האָבן געהאַט ווייבער אין לאָנדאָן זענען אהערגעקומען אָן זיי ווייל זיי האָבן נישט געוווסט וואָס עס וועט דאָ ווערן מיט זיי. עס איז אויסגעקומען אויף אזא אופן, אז די היגע ישובים זענען באַשטאַנען פון בלויז זכרים, אָן נקבות, ביז מען האָט זיך דער־וווסט אין ענגלאַנד, אז מיידלעך קאָנען גוט פאַרדינען. עס געפינען זיך דאָרט א סך פרויען פון אירלאַנד, ווו עס זענען אויף איין מאַן פאַראַן זיבן פרויען, זענען א סך פון זיי דאָ אהערגעקומע, און דאָ חתונה גע

האט, אָדער געוואָרן קעבינס און דינסטן אין די עס־הייזער און אכסניות. אויך די יידן האָבן זיך אריינגענומען פרויען אלס דינסטן און געלעבט מיט זיי און געהאט מיט זיי קינדער, וועלכע זיי האָבן געהאלטן פאר אייגענע, און די ייִנגלעך האָבן זיי געלאָזט מל זיין און אויפגעצויגן אלס יידן. א סך פון די פרויען האָבן זיך מגיר געווען און חתונה געהאט. דערביי אָבער זענען אָרגעטאָן געוואָרן זאכן קעגן די דינים פון דער הייליקער תורה. איך וויל נישט וועגן דעם קיין סך מאריך זיין און אויסרעדן אויף די היגע חכמים, וואָס האָבן געלערנט אזוי צו טאָן, ווייל אפשר איז זייער כונה געווען א גוטע. איך וועל נאָך רעדן וועגן דעם דאָזיקן ענין. בדרך כלל איז עס א גרויסע און בכבודע קהלה צו גאָט און צו לייט און קאָן זיך פארגלייכן מיט אָנגעזעענע קהלות אין איראָפּע. גאָט זאָל זיי בענטשן!

איך וויל דאָ דערמאָנען עטלעכע אָנגעזעענע מענטשן, וואָס האָבן געטאָן מיט מיר גוטס און מיך מקרב געווען די גאַנצע צייט, וואָס איך האָב דאָ פארבראכט. יוסף לייב אווינסקי, אייזיק פון וואַרשע, מיכאל פרעלים, פיליפּ, און מער פון אַלע מיין ידיד אייזיק לייב. גאָט זאָל זיי משלם זיין פאר דעם גוטס, וואָס זיי האָבן מיט מיר געטאָן!

אין וויקטאָריע זענען נאָך היינט פאַראַן ווילדע מענטשן, די איינגעבוירענע פון לאַנד, וואָס האָבן דאָ געלעבט, איידער די ענגלענדער זענען געקומען אין שטאַט, און אויך אויפן לאַנד האָב איך זיי געזען. אויפן לאַנד גייען זיי ארום אינגאַנצן נאַקעט אָן שום קליידונג, פּונקט ווי די בהמות. זייערע פנימער און די הויט זענען רויטלעך־שוואַרץ, אָדער גלאַנציק־ברוין. די הויט ביי זיי איז גראָב און פאַרהאַרטעוועט. זיי זענען פון מיטעלן וווקס מיט פעטע גופים און זייערע האָר זענען לאַנג און דיק. זיי זענען מיאוס אויפן פנים, האָבן גרויסע קעפּ און נידעריקע שטערנס, ברייט־פאַנאַנדערגעצטע, אריינגעזונקענע אויגן מיט לאַנגע ברעמען, א ברייטע, פלאַטשיקע נאָז מיט גרו עיסנאָז־לעכער, א ברייט מויל מיט גראָבע ליפּן. אויף די באַקן האָבן זיי אביסל האָר און די פנימער קוקן אויס דערשטוינט און פאַרוואונדערט. קיין הערשער און עלטסטע האָבן זיי נישט, נאָר זיי לעבן אין משפחות, אָדער שבטים צעשפרייט איבערן גאַנצן לאַנד. זיי האָבן נישט קיין שריפט און נישט קיין שפּראַך, און זיי פאַרשטייען זיך מיט אויסרופן און אויסגעשרייען און מיט פאַרשידענע צייכנס. זיי עסן, וואָס זיי געפינען פאַרטיקערהייט: אַלערליי גראָזן און פירות און לעבעדיקע באַשעפענישן. מערסטנס עסן זיי פעטע פיש, וואָס זיי פאַנגען אין נעצן. פון פעל און געפלאָכטענע גראָזן מאַכן זיי זיך אין ווינטער מלבושים און אויך געצעלטן, וואָס זיי

שטעלן אויף צווישן ביימער און אין די שפּאַלטן פון בערג, כדי זיך צו באַשיצן פון קעלט און רעגן. זיי האָבן נישט געטאָן קיין שום שלעכטס און נישט געשעדיקט די אייראָפּעישע מענטשן, וואָס זענען געקומען אַהער, און געלאָזט זיי באַזעצן צווישן זיך. זייער געווער איז אַ שטעקן און אַ האַלב־קיילעכדיקער בומעראַנג, וואָס איז געמאַכט פון האַרטן האָלץ געשליפן אויף אַ שטיין און איז שאַרף ווי אייזן. די האַלב־קיילעכ־דיקע בומעראַנגן וואַרפן זיי אויף זייערע שונאים, און קענען צילן אַזוי פּינקטלעך, אַז זיי פאַלן אויפן שונאס האַלדז און האַקן אַראָפּ זייערע קעפּ מיט איין קלאַפּ און קערן זיך אום צוריק אין דעם וואַרפערס האַנט, אַזאַ רוח האָבן זיי אין זייערע הענט. פאַר די אייראָפּעישע מענטשן זע־נען זיי אַנטלאָפן אין שרעק, וואָרום ווער קאָן דאָס ביישטיין אַ ביקס? די טבע זייערע איז נישט קיין קריגערישע. זיי זענען צוגעלאָזענע, גוט־האַרציקע מענטשן. ווען עס זענען אָנגעקומען אונזערע מענטשן און זיך באַזעצט אויף די ערטער, ווו עס איז געווען וואַלד, און פאַרנומען די ערד אויף ישובים „קאָלאָניעס" און פאַר זייער שאָף, האָבן די ווילדע איינ־וווינער, וואָס האָבן דאָרט געלעבט, אָפּגעטראָטן טיפער אין לאַנד אַריין, ווייל דאָס לאַנד איז גענוג גרויס. זיי האָבן נישט געקאָנט לעבן מיט די ניי־אָנגעקומענע צוזאַמען, מחמת זיי האָבן נישט געקאָנט פאַרטראָגן דעם אויר, וואָס די אייראָפּעישע מענטשן האָבן מיט זיך געבראַכט. וואָ־רום זינט עס זענען געקומען די אייראָפּעישע מענטשן און זיך באַזעצט דאָ, און אָנגעהויבן צו באַאַרבעטן די ערד, צו זייען און צו פלאַנצן, צו בויען שטעט און באַנען, און באַפעלקערן דאָס לאַנד מיט אַ סך מענטשן, און געגראָבן טייכן אָן אָפּגעצויגן די זומפּן, און די וויסטע געזאַלצענע ערד איז געוואָרן פרוכטבאַר און אָנגעהויבן אַרויסגעבן פּירות לרוב — האָט זיך זינט דעמאָלט געביטן די טבע פון לאַנד און אָנגענומען אַן איי־ראָפּעישן אויסזען. די לופט האָט זיך פאַרענדערט פון דער פאַרע וואָס האָט גענומען שלאָגן פון דער ערד. די אייראָפּעיער האָבן אין אָנהויב באַלד נאָך זייער אָנקומען אַהער נישט געקאָנט פאַרטראָגן די לופט וואָס איז אין גרעסטן טייל פון יאָר געווען מוראדיק הייס און געברענט ווי אַן אויוון, אָנצינדנדיק אַמאָל די וועלדער און אין דער צייט פון רעגן האָבן די פילע וואַסערן פאַרפלייצט דאָס לאַנד. די איינגעבוירענע תושבים זע־נען געווען דערצו געוווינט, אָבער איצט איז אַלץ גאָר אַנדערש געוואָרן. אין די שטעט און דערפער איז די לופט אַ מעסיקע מיט אַ פרישן ווינט, און אויך איבערן לאַנד ברענט שוין די זון נישט ווי אַ פייער. די טאָלן זענען פול מיט תבואה, די בוימער אָנגעלאָדן מיט פרוכטן, סטאַדעס שעפסן פּאַשען זיך אויף די בערג און אין די טאָלן, און די ווילדע קאָנען

די דאָזיקע לופט נישט פאַרטראָגן. זיי שטאַרבן אויס פון זיך אַליין, אָדער זיי אַנטלויפן אַוועק, וווהין דער ווינט פאַרטראָגט זיי. די אייראָ־פּייער, וועלכע פאַרנעמען זיך מיט ערד־אַרבעט אָדער פּי־צוכט, האָבן מיט די ווילדע געוואָלט מאַכן שלום און זיי געבן אַרבעט אין פעלד, אָדער ביי די סטאַדעס שאָף, זיי האָבן אָבער נישט געקענט לעבן צוזאַ־מען. אַ סך פון די אייראָפּייער, וועלכע האָבן געוווינט אויפן לאַנד, האָבן זיך אויסגעמישט מיט די ווילדע, געלעבט מיט זייערע פרויען, און ווען זיי זענען געוואָרן טראָגעדיק, זענען זיי געשטאָרבן, ווייל זיי האָבן נישט געקענט פאַרנעמען די זרע און ווינציק זענען פאַרבליבן פון די איינ־געבוירענע אין דעם שטאַט וויקטאָריע. די פאַרבליבענע, מענער, פרויען און קינדער, גייען איבער די שטעט און דערפער און שנאָרען, וואָס עס לאָזט זיך. זיי קומען אין די שטעט אַריין נאַקעטערהייט, אָבער לויט די געזעצן פון דער רעגירונג איז דאָס נישט דערלויבט, און מען גיט זיי אָנ־צוטאָן לייוונטענע העמדער ביז די קניען, און אַזוי גייען זיי אַרום פון טיר צו טיר און שמרעקן אויס די הענט נאָך נדבות. מאַנכע פון זיי האָבן זיך אויסגעלערנט עטלעכע ענגלישע ווערטער, און פאַראַן צווישן זיי אַזעלכע, וואָס זענען געקומען צום שכל אַזוי ווייט, אַז זיי פאַרשטייען צו זאָגן מיט שטאָלץ אויף זייער לשון צו די, וואָס ווילן זיי נישט געבן קיין נדבה: „מיר זענען דאָך די באַלעבאַטים פון לאַנד און איר זייט גע־קומען אין אונזערע גרענעצן!” ווער וועט עס נישט רחמנות האָבן אויף אַזעלכע פאַרוואָרלאָזטע ווילדע מענטשן, וואָס לאָזן זיך באַגנוגענען מיט אַ שטיקל ברויט און מיט אַ קופּערנער מטבע, און מיר קאָנען נישט שטילן אונזערע תאוות און זעטיקן אונזערע פאַרלאַנגען מיט דעם גרויסן שפע און פילן גוטס, וואָס מיר פאַרמאָגן. איך האָב דאָ געטראָפן איינעם פון די ווילדע, וואָס איז געוואָרן אַ משרת אין אַ מלבושים־געשעפט. ער האָט זיך אויסגעלערנט די שפּראַך, געוואָרן אַ מבין אויף סחורות, און טוט אַלץ, וואָס מען באַפעלט אים. ער גייט בכבודיק אָנגעטאָן און וווינט ביי זיין באַלעבאָס.

אויף דעם אינזל „פאַן דימענס לאַנד” (טאַסמאַניע), וואָס דאָרט געפינט זיך די גרויסע שטאָט „האָבאַרטאַון”, וועלכע איז ערשט נישט לאַנג געגרינדעט געוואָרן דורך די ענגלענדער, האָבן געלעבט אַ סך ווילדע. זיי האָבן זייער פיל שלעכטס און שאָדן געטאָן די אייראָפּעיער, וועלכע האָבן זיך דאָרט באַזעצט, און געלויערט אויף זיי אויף די וועגן, כדי זיי צו פאַנגען און אויפצופרעסן. מען האָט זיי אָבער מיט כוח פון דאָרט פאַרטריבן, אַ סך פון זיי זענען אַליין פון זיך אומגעקומען, אַזוי

אז איצט איז שוין קיין איינער פון זיי נישט פארבליבן. דאס לאנד דא איז זייער גוט און עס לעבן דארט א סך רייכע יידן. זיי האבן א שול און א קהילה, ווי עס געהער צו זיין.

ד.

באלאראט, סאנדהורסט (בענדיגא)

אזוי ווי איך האב זיך צונויפגעטראפן מיט א משולח פון חברון, וועלכער איז געקומען אהער פאר מיר, האב איך פארלאזט מעלבורן און געפארן אין אנדערע שטעט, ווו עס ווינען יידן, כדי מיר זאלן נישט איינער דעם צווייטן זיין אין וועג. איך בין געפארן מיט דער באן קיין באלאראט, וואס געפינט זיך בערך 60 מייל פון מעלבורן. אין דער סביבה פון דער דארטיקער שטאט זענען פאראן גאלד־גרובנס. עס ווינען דא אן ערך 300 יידן. די שטאט איז יונגער פאר מעלבורן. זי איז נאך נישט געהעריק פארבויט און א סך ווינען נאך אין געצעלטן. מען האט דא אין די ערשטע יארן אויסגעגראבן א סך גאלד, און מען גראבט נאך ביזן היינטיקן טאג.

די יידן דא לעבן און פירן זיך ווי די יידן אין מעלבורן. זיי האבן א קהילה, א שול מיט א חזן און א שוחט, דער קהילה־פירער איז אן אנגעזעענער מאן, א ירא שמים און א נדיב, שמעון האמבורגער נ״י. איך האב דא געטראפן מיין ידיד, דעם משכיל און סופר המופלג, נחמן פרידל הלוי שפילפאגל, מיט וועלכן איך בין געווארן באקאנט ווען ער איז נאך געוועזן אין אינדיע. און ער האט מיט מיר געטאן א סך חסד. בכלל זענען די היגע תושבים ליבע און פריידלעכע מענטשן.

איך האב דא פארבראכט זיבן טעג און אוועק 40 מייל מיט דער באן אין דער שטאט בענדיגא. אויך די דאזיקע שטאט איז ערשט נישט לאנג אויפגעבויט געווארן נעבן די גאלד־גרובנס, וואס מען האט דא געפונען. עס זענען דא פאראן ווינציק יידן. זיי האבן דא אן אייגענע קהילה און א שול מיט א חזן ושוחט. זיי זענען ערלעכע נגידישע לייט. ה׳ א. אלעכסנדר איז דער ראש און דער משנה איז ה׳ דזשאזעף און ה׳ פיליפס. דער אנגעזעענער זקן און למדן, גדליה יצחק פרידמאן הכהן איז חזן ושוחט.

עס זענען מיר דא געקומען צו־האנט צוויי ענינים, מיט וועלכע איך האב זיך געמוזט אפגעבן, און עס וועט נישט זיין איבעריק ווען זיי צו דערציילן. ווען מען האט זיך נאך 2 טעג דערוווסט אין שטאט, אז

עס איז געקומען א רב פון ירושלים*) האָט מען מיך גערופן צו קומען צום ועד, וועלכער האָט געהאַט אַן אסיפה וועגן א דבר מצוה. מען האָט פאַר מיר פאָרגעשטעלט א פרוי, פאַראומערט און פאַרביטערט, וועלכע דער מאַן האָט פאַרלאָזן מיט 6 חדשים צוריק, און מען ווייסט נישט וואוהין ער איז אהינגעקומען. לויט די היגע געזעצן דאַרף א פרוי, אויב דער מאַן האָט זי פאַרלאָזט און זי וויל חתונה האָבן מיט א צווייטן, באַקאַנט מאַכן אין די בלעטער, אז דער מאַן איז פון איר אַוועק, און זי וואָרנט אים, אז אויב ער וועט זיך נישט אומקערן צוריק אין משך פון 3 חדשים, איז זי פון אים געשיידט און מעג חתונה האָבן מיט וועמען איר האַרץ גלוסט. די דאָזיקע פרוי האָט שוין אזוי געטאָן, און זי האָט א גט פון געריכט, אז זי מעג חתונה האָבן מיט וועמען זי וויל. נאָר דער חזן ושוחט האָט איר געזאָגט, אז אויב זי איז א יידישע, טאָר זי מיט א צווייטן נישט חתונה האָבן ביז זי וועט קריגן א גט פון א רב. על כן בעטן זיי מיך, אז איך זאָל איר געבן א גט. האָב איך געפרעגט: „ווו איז דער מאַן, מען זאָל אים קענען פרעגן, צי ער וויל זיך גטן? דאַמאָלס וועלן מיר וויסן וואָס צו טאָן". האָבן זיי מיר געזאָגט, אז דער מאַן איז נישטאָ און מען ווייסט נישט וווהין ער איז אַוועק, און זיי בעטן מיך, אז איך זאָל איר געבן א גט, וואָרום לויט ווי זיי מיינען, קאָן א רב געבן א גט, אויב מען ווייסט נישט ווו דער מאַן איז און אַן זיין רשות. דאָך האָב איך זיי געזאָגט: זייט וויסן, ברידער, אז נאָר דער וואָס איז מקדש מעג גטן, אָדער ער אַליין, אָדער דורך א שליח. אָבער ווען מען ווייסט נישט ווו ער איז, קאָן דער רב גאָרנישט טאָן, און פאַר איר איז נישטאָ קיין הילף, ביז דער מאַן וועט קומען, אָדער ווען מען וועט זיך דערוויסן, אז ער איז געשטאָרבן. דער חזן ושוחט האָט זיי געזאָגט אזוי ווי איך, האָבן זיי אים נישט געוואָלט גלויבן, וואָרום זיי האָבן אים חושד געווען, אז ער זאָגט אזוי נישט ווויסנדיק ווי אזוי מסדר צו זיין א גט. די פרוי האָט א קרעכץ געטאָן און איז אַוועקגעגאַנגען.

דערנאָך האָבן זיי צו מיר געזאָגט: „נאָך איין גרויסע זאַך וועלן מיר ביי דיר בעטן: אין אונזער קהילה איז פאַראַן א ייד, וואָס האָט אין מעל-

---

*) דער רב פון ירושלים איז געווען ה'ר שניאורזאָן, וועלכער האָט באַזוכט אויסטראַליע אין שליחות פון ישיבות. פון דער מעלבורנער ענגלישער צייטונג „ארגוס" (די נומערן פון 2טן און 14טן דעצעמבער 1861) ווערן מיר געוווירן, אז ער האָט געהאַלטן עפנטלעכע פאַרזאַמלונגען אין מעלבורן און גערופן די יידישע באַפעלקערונג צו אונטערשטיצן מאַטעריעל דעם אַלטן ישוב אין ירושלים.

בורן מיט 7 יאָר צוריק אריינגענומען צו זיך אין הויז א גויע, ווי א סך יידן האָבן געטאָן דאָס זעלבע, און ער האָט מיט איר אויך געלעבט. זי האָט אים געבוירן צוויי זין, וועלכע ער האָט געלאָזט מל זיין און אָנגערופן מיט יידישע נעמען, ווייל אזוי האָט געלערנט איינער אַן אָנגעזעענער ייד, א חכם פון מעלבורן, און האָט אויך מגיר געווען די פרויען, וועלכע האָבן חתונה געהאַט צו יידן. אויך די דאָזיקע פרוי האָט זיך געוואָלט מגיר זיין צוזאַמען מיט אירע צוויי קינדער. איר הנהגה איז א יידישע, זי פאַסט יום־כיפור, היט אָפּ שבת און האַלט זיך פאַר א יידישע. נאָר דאָ איז נישטאָ ווער עס זאָל קענען און וועלן זי מגיר זיין, וואָרום בלויז אין מעלבורן איז פאַראַן דער חכם, וואָס איז מגיר, אויב מען באַצאָלט אים גוט דערפאַר. דער דאָזיקער ייד פאָרט ארום האַנדלען איבער די דערפער און גאָלד־גרובנס און ער קאָן זיך נישט דערלויבן צו פאָרן מיט זיין פאַמיליע קיין מעלבורן און פאַרברענגען דאָרט א סך צייט, וואָרום ער איז זיך מפרנס דערפון, וואָס ער פאַרדינט טאָג־איין, טאָג־אויס". איך האָב זיי געזאָגט: וועגן דער זאַך דאַרף מען האָבן א ישוב־הדעת און א חקירה ודרישה, און אזוי ווי זייער חזן ושוחט, וואָס איז אויך ביי זיי א רב, איז אן ערלעכער און פרומער ייד און יינגלווייז געלערנט אין אן אונגאַרישער ישיבה, האָב איך זיך מיט אים מישב געווען, און מיר האָבן געלאָזט רופן דעם מאַן און די פרוי מיט די קינדער. נאָך א גענויער חקירה ודרישה האָב איך איינגעזען, אז די זאַך איז אינגאַנצן אמת, אזוי ווי מען האָט מיר דערציילט. איך האָב זיי געזאָגט, אז אויב אפילו די פרוי וועט זיך מגיר זיין, טאָר זי מער נישט זיין זיין ווייב, נאָר זי מעג חתונה האָבן מיט אן אַנדערן און די קינדער וועלן סייווי זיין גרים צוגלייך מיט איר. דעריבער איז מיין רצון זי נישט מגיר צו זיין נאָר די קינדער. האָט די פרוי דערויף געזאָגט, אאז אויב מען וועט זי נישט מגיר זיין, וועט זי די קינדער אויך נישט לאָזן מגיר זיין. איך האָב גוט אריינגעטראַכט אין דעם ענין און עס איז ביי מיר געבליבן, אז מען קאָן זיי על־פי־דין אַלע מגיר זיין. מיר האָבן מצרף געווען א דריטן ייד, א ירא שמים און למדן פון פוילן, וואָס האָט א פרוי מיט קינדער, און מיר האָבן מגיר געווען די פרוי מיט אירע זין אין כשרער מקוה און זיי האָבן אויף זיך גענומען די מצוות כדין וכדת פון אונזער הייליקער תורה. (קיין געלט דערפאַר האָב איך נישט גענומען. מען האָט צונויפגעזאַמלט ביי קהל א נדבה פאַר ירושלים און איך האָב דאָרט איבערגעלאָזן פושקעס ווי איך האָב געטאָן אין אַנדערע שטעט, ווו איך בין געווען.) איך האָב זיי באַפוילן צו זיין אָפּגעשיידט 90 טעג, און אָנגעזאָגט, אז אויך נאָכדעם טאָרן זיי נישט חתונה האָבן כדין. איך בין גע־

פאָרן צוריק קיין מעלבורן, און ווען דער דאָרטיקער חכם, וועלכער האָט זיך געמאַכט א פרנסה פון מגיר זיין, האָט זיך דערפון דערוווסט, האָט ער געמיינט, אז איך בין אים געגאַנגען אין דער פרנסה אריין, און אויך דער הברונער משולח איז געווען אויף זיין צד מחמת קנאה. זיי האָבן די זאַך צעבלאָזן איבער דער גאַנצער שטאָט, אז איך האָב געטאָן שלא כדין. זיי האָבן געשיקט א מסירה אויף מיר צום הרב הכולל דק״ק לאָנ־דאָן, וואָס זיין מאַכט איז אויך אויסגעשפרייט איבער אויסטראַליע, און וועלכער איז געווען קעגן די גריים, וואָס מען מאַכט אויסער זיין רשות. ער האָט אויך געוווסט וועגן דעם חכם, וועלכער האָט אפילו נישט קיין הוראה און פסקנט נישט לויט דער תורה, האָט ער גלייך אוועקגעשריבן א בריוו צו די ראשי הקהל פון מעלבורן און אויך צו מיר, אז מיינע מע־שים זענען בטל, און אז ער האַלט זיי נישט פאַר גרים, איך האָב אים גלייך געענטפערט מיט א לאַנגער און גענויער תשובה, וואָס איז אָפגע־דרוקט צום סוף פון דאָזיקן ספר, אז איך האָב געטאָן על פי דין ועל פי יושר.

ח.

ניי־זעלאַנד

דעם צענטן טאָג אין חודש אדר שני האָבן מיר זיך פאַרשיפט מיט דער שיף קיין ניי־זעלאַנד. איך בין אָנגעקומען בשלום אין פּאָרט אָנטאַגאָ, אין דער נייער שטאָט אָטאַגאָ, וועלכע איז קוים 2 יאָר אַלט. דאָ האָט מען אויך געפונען גאָלד, ווען דער שניי פלעגט צעגיין צופוסנס די בערג, פון וועלכע די טייכן נידערן אַראָפּ. דער ווינטער האַלט דאָ אָן ניין חדשים אין יאָר און די ערד איז באַדעקט מיט שניי. די ווינטער־חדשים זענען דאָ פון תשרי ביז תמוז, אָבער די קעלט איז נישט זייער גרויס. ווען דער שניי צעגייט און די וואַסערן פליסן איבערן לאַנד, געפינט מען שטיקלעך ריין גאָלד אין שכנות פון די טייכן.

מען קען הערן דעם געפילדער פון די גאָלד־גרעבער ביי די וואַסערן, היות גרויסע מאַסן זענען דאָ געקומען צופליען פון דער נאָענטער אויסטראַליע און וויטן ענגלאַנד, ווי אָדלער, וועלכע זוכן שפּייז. זיי האָבן דאָ אַלע געזוכט און געפונען גאָלד, יעדער לויט זיין מזל, ווי דער רבונו־של־עולם האָט אים צוגעשיקט.

דער האַנדל האָט זיך דאָ אויך פאַרברייטערט, ווייל די טויזנטער אָנגעקומענע באַדאַרפן דירות, עסנוואַרג, געטראַנקען, בגדים וכדומה.

פון די אַלע האָט זיך אויפגעבויט די שטאָט אָטאַגאָ, וועלכע איז אַנטשטאַנען אָן א פּלאַן און דעריבער זענען די הייזער צעזייט און צעשפּרייט, באַרג ארויף און באַרג אַראָפּ. די גאַסן, וועלכע זענען נאָך נישט ברוקירט, זענען פול מיט ליים, בלאָטע און צעגייענדן שניי.

די יידן האָבן אויך דערהערט דעם קלאַנג פון גאָלד, און זענען אָנגעקומען מיט די גאָלדזוכער. זיי ציילן דאָ איצט בערך הונדערט און פופציק נפשות. זיי האָבן דאָ געגרינדעט א קהלה, געדונגען א פלאַץ פאַר א בית־המדרש, וועלכער איז נאָך נישט פאַרטיק. דערווייל קומען זיי זיך צונויף נאָר שבת אין א ווינקל פון א צימער, וועלכן זיי האָבן באַקומען צו באַנוצן, און דאָרט איז מען מתפלל.

דער ראש־הקהל איז אַן ערלעכער מענטש און א גרויסער גביר ר׳ הלוי נ״י. ער איז גלייבצייטיק חזן און בעל־קורא, ווייל ער איז א ייד א למדן. ער אליין איז א לאָנדאָנער און איז דאָ מיט זיין פאַמיליע ערשט

צוויי יאָר. דאָ זענען דאָ נאָך א סך אָנגעזעענע יידן פון ענגלאַנד, ווי אויך פון פוילן, פון פויזנער געגנט. צווישן זיי האָב איך געטראָפן און זיך שטארק באַפריידעט מיטן תלמוד־חכם און גביר ר׳ מרדכי קוטנער.

איך בין דאָ אָנגעקומען מיטוואָך און איך בין באַלד געגאַנגען באַזוכן דעם ראש־הקהל מר. לוי. ער האָט מיך זייער גאַסטפריינטלעך אויפגענומען אין זיין געשעפט און ער האָט מיך אויך גענומען אהיים. ער האָט מיר געוויזן דעם צימער, וועלכן ער האָט אָפּגעגעבן פאַר א בית־המדרש. דאָרט איז דאָ אַן ארון־קודש און א ספר־תורא. איך האָב אים געפרעגט צי זיי האָבן א מגלת־אסתר, היות ווי מוצאי־שבת איז פורים. ער האָט מיר געזאָגט, אז קיין מגלה פאַרמאָגן זיי נישט. איך האָב דאַן אים פאַרגעלייגט, אז איך וועל אים אָנשרייבן א מגלה, וואָס וועט זיין גרייט פאַר שבת, ווייל איך האָב געהאַט מיט זיך כשרן פאַרמעט, וואָס איך האָב מיטגעבראכט פון תימן, צו שרייבן די תורה, אַן אויפגאַבע, וואָס איך האָב אויסגעפירט אין פאַרלויף פון מיין נסיעה.

איך האָב זיך געאיילט אין מיין אכסניא, און ביז שבת האָב איך פאַרטיק געמאַכט די מגלה אין אשורית כתב, געשריבן פון זכרון, ווייל איך האָב עס גוט געקענט אויף אויסנווייניק.

פורים ביינאַכט האָבן זיך צונויפגעזאַמלט פיר מנינים יידן און איך האָב פאַר זיי פאַרגעלייענט די מגלה לויטן מנהג ישראל. צומאָרגנס האָט זיך צונויפגעזאַמלט קוים א מנין יידן.

דער חשובער ראש־הקהל האָט מיך איינגעלאַדן עסן אויף שבת. ער האָט מיר צוווויסן געגעבן, אז קיין שוחט האָט די קהלה נישט, ווייל דאָ קענען זיי קיין שוחט נישט קריגן, און ברענגען א מענטש פון לאָנדאָן פאַר געהאַלט, קען זיך די קליינע קהלה דערווייל נישט דערלויבן. דער ראש־הקהל האָט צוגעגעבן, אז בויען דעם בית־המדרש און האַלטן א חזן איז וויכטיקער, ווי אַראָפּברענגען א שוחט. דעם ראש־הקהלס פרוי, וועלכע שטאַמט פון א פיינער און ערלעכער משפחה, האָט זיך אָפּרעגפערט מיט א קרעכץ, אז דעם ערשטן יאָר נאָך זייער אָנקומען האָבן זיי בכלל קיין פלייש נישט פאַרזוכט, ביז זי איז פאַרגאַנגען אין טראָגן און זיי האָבן זיך געמאַכט א היתר. אגב האָט זי מיר געוויזן, אז זי היט אָפּ דאָס זאַלצן דאָס פלייש (טריפות) און זי האָט מילכיקע און פליישיקע כלים, און איז מקפיד אין אָפּהיטן שבת ווי געהעריק.

איך האָב נישט געקענט אָפּפאָרן פאַר פסח, ווייל עס איז געווען א קאַלטער ווינטער, און די נסיעה אויפן ים נעמט אכט טעג. אזוי ארום בין איך געבליבן אויף פסח. מצה האָט מען געבראַכט פון סידנעי. דער ראש־

הקהל האָט מיך פאַרבעטן אויף פסח, און זיי האָבן מיך אויך געבעטן, אַז איך זאָל זיי צוגרייטן כשרות און בכלל כשר מאַכן דאָס הויז.

ווען איך האָב זיי געפרעגט, ווו עס איז אַדאָס כשרע פלייש, האָבן זיי מיר געענטפערט, אַז אויף וויפל מען קען עס האָבן כשר, וועלן מיר עס כשר מאַכן. איך האָב פאַר זיי צוגעגרייט ראָזשנקעס־ווייַן אויף דעם ליל־שמורים. זיי האָבן געמאַכט דאָס הויז ציכטיק און זויבער און אַלץ צוגעגרייט ווי געהעריק. צום סדר זענען פאַרבעטן געווען אַרום 40 מענטשן, אַלע אַזעלכע, וועלכע האָבן נישט געהאַט קיין היים און משפחה, און מען האָט אָפּגעריכט דעם סדר לויטן דין. איך האָב דעם גאַנצן פסח נאָר אָנגעביסן מיט א מצה און איך האָב זיך געשפּייזט מיט קאַרטאָפל און פיש, וועלכע איך האָב געקאָכט און זיך געוואַרעמט, ווייל דער ווינטער איז אין יענעם פסח געווען זייער א קאַלטער.

די ענגלענדער האָבן געפונען די אורשפּרינגלעכע איינוווינער פון ניי־זעלאַנד אַלס שטילע מענטשן, און א סך מער פאַרשטענדלעכע, ווי די ווילדע פון אַנדערע אינדזלען. מען זאָגט, אַז די אורשפּרינגלעכע פון ניי־זעלאַנד שטאַמען פון אינדיע. זיי זעען אויס ווי די הינדוסן. זיי זענען אַנטוויקלט ווי יענע און זיי קליידן זיך אין א סחורה, וואָס זיי וועבן פון היגע גראָזן און צמחים. זיי באַאַרבעטן די ערד, וועלכע גיט זיי גוטע תבואה. זיי גייען אויף געיעג און פון די חיות האָבן זיי פלייש. זיי זענען אָבער אַממערסטן געשיקט אין כאַפּן פיש, מיט וואָס זיי גיבן זיך שטאַרק אָפּ. זיי קענען מאַכן גוטע שיפלעך, אין וועלכע זיי פאַרשיפן זיך מיט נעצן צו כאַפּן פיש. איך האָב געזען זייער ווערקצייג, מיט וועלכן זיי מאַכן די שיפלעך. זיי נוצן די מכשירים אויך אינדערהיים צו ערד־אַרבעט. זייער וועקצייג איז פון מירלמלשטיין, וועלכן זיי שאַרפן, ביז עס ווערט גלאַט און שאַרף און עס זעט אויס ווי א האַק. מיט דעם מאַכן זיי כלערליי האָלצוואַרג און שיפן, וועלכע ווערן געמאַכט פון איין שטיק האָלץ.

זיי קענען אויך מאַכן אַקעראַייזנס, רידלען, שווערדן און שפּיזן פון די זעלבע שטיינער. זיי זענען שטאַרקע און מוטיקע קעמפער. זיי רעדן זייער אייגענע שפּראַך, און זייערע זיטן זענען ענלעך צו די פון ציוויליזירטע מענטשן.

ווען די ענגלענדער זענען דאָ אָנגעקומען, האָבן די היגע איינוווינער זיי אויפגענומען אויף א פריידלעכן אופן, זיי געלאָזט זיך באַזעצן. נאָר ווען זיי האָבן געזען, אַז די ניי־געקומענע איינוווינער באַפעסטיקן זיך אין לאַנד און בויען שטעט און ישובים אויפן צפון־אינדזל, וועלכער הייסט אָקלאַנד, האָבן די היגע מורא געקראָגן, אַז זיי

וועלן ארויסגעשטופּט ווערן פון זייערע זיצפּלעצער און זיי האָבן אָנגע־הויבן באַפאַלן און פירן מלחמות מיט די ענגלענדער.

די ענגלענדער האָבן זיי שפּעטער פאַרגעלייגט א שלום־אָפּמאַך און די היגע אינדישע איינוווינער האָבן די ענגלענדער אָפּגעטראָטן געביטן אין אָקלאַנד, ווו די ענגלענדער איז דערלויבט געוואָרן זיך צו באַזעצן. די ענגלענדער האָבן זיך שפּעטער אויך באַזעצט אויף א צווייטן דרום־אינדזל, ווו זיי האָבן געפונען גאָלד.

דאָ האָב איך זיך אויפגעהאַלטן שבועות, ווייל איך האָב זיך נישט געקענט פאַרשיפן, און אויך האָבן די היגע יידן מיך געבעטן פייערן מיט זיי שבועות ווי אויך בייזיין אויף דעם חנוכת־הבית פון דעם נייעם בית־המדרש.

איך האָב זיי זייער שטאַרק געטריבן (געוועקט מיט שטאַרקע ווער־טער), אז זיי זאָלן אויסשרייבן א שוחט פון לאָנדאָן. דאָס האָבן זיי אָנ־גענומען. (זכן נמנו וגמרו — אין טעקסט.)

אויף צומאָרגנס נאָך יום־טוב האָב איך זיך פאַרשיפט אויף א דאַמף־שיף קיין מעלבורן, ווו איך בין אָנגעקומען י״ז תמוז. דער טאָג איז פונקט ווי 1 טבת אין ירושלים, סיי אין לענג פון טאָג, סיי אין קלימאַט; ווען ביי אונדז איז טאָג, איז ביי זיי (אין אויסטראַליע) נאַכט; ביי אונדז ווינטער — איז ביי זיי זומער.

ר״ח אב בין איך אָפּגעפאָרן מיט דער דאַמף־שיף קיין אדעלאיד, אין דרום־אויסטראַליע, צום מזרח פון וויקטאָריע, ווו עס וווינען אויך א ביסל יידן. דאָרט אהין בין איך אָנגעקומען אויפן פערטן טאָג.

ו.

אַדעלאַיד

אַדעלאַיד ליגט אויפן ברעג ים און איז פריער געבויט געוואָרן ווי מעלבורן. די שטאָט איז געבענטשט מט אלדאָס גוטס. דער קלמאַט איז אויסגעצייכנט. דאָס לאַנד איז רייך מיט תבואות, פרוכט און דער וויין איז גאָר גוט. אין דער ערד פון דער קאָלאָניע זענען דאָ א סך נאַטירלע־כע רייכטימער ווי גאָלד, קופער, בליי, אָבער קיין זילבער איז דאָ נישט דאָ. אין דעם טייל זענען דאָ א סך ישובים, וועלכע פאַרנעמען זיך מיט ערד־ארבעט. דאָ זענען אויך פאַראַן א סך סטאַדעס שאָף. פון די נאַטיר־לעכע רייכטימער האָט מען דאָ געמאַכט א שלל מיט געלט. די שטאָט פאַרנעמט א לאַנגן און ברייטן שטח, אָבער זי איז צעוואָרפן, ווייל זי איז נישט געבויט געוואָרן לויט א פּלאַן. די הייזער זענען נישט קיין הויכע. די שטאָט איז אויסגעשפּרייט און די רייכע ווינען אויסערן שטאָט אין ווילעס און זומער־ווינונגען, אָבער דעם גאַנצן טאָג זענען זיי אין זייערע געשעפטן. דאָ איז דאָ א בערזע (בירזע — טעקסט) און דער האַנדל איז גרויס. די שטאָט ציילט בערך 40,000 נפשות, וועלכע לעבן אין גרויס רחבות.

דאָ זענען פאַראַן אַן ערך 300 יידן. דאָס רוב פון זיי שטאַמט פון לאָנדאָן. די יידן אין אַדעלאַיד זענען אָנגעזעענע בעלי־בתים, פרומע און גוטהאַרציקע. זיי האָבן דאָ א קהלה, א פיינעם בית־המדרש, א חזן און אַנדערע קהלה־אַנשטאַלטן. אם־כי די שטאָט איז געבויט געוואָרן פאַר מעלבורן, דאָך האָבן זיי נישט קיין שוחט; זיי האָבן מיר געזאָגט, אַז זיי האָבן געהאַט א שוחט, נאָר ער איז אַוועק פון זיי.

דער ראש־הקהל איז דער אָנגעזעענער גביר מר. אַלעקסאַנדער און זיין געהילף איז מר. פיליפּ.

איך בין איינגעשטאַנען אין דעם הויז פון א טייערן און גוטן גביר, וועלכער קומט פון לאָנדאָן. זיין הויז שטייט אין עק שטאָט צווישן גערטנער. דאָרט האָב איך געלעבט, געגעסן זיין ברויט און וואָס עס איז נאָר מותר, און איך בין געווען זייער צופרידן. זאָל גאָט אים באַצאָלן זיין שכר.

מוצאי שבת קדש פאַר ראש חודש אלול, ווען דער ראש־הקהל און

די אָנגעזעענע יידן האָבן זיך צוזאַמענגעטראָפֿן כּדי אַרומצורעדן קהלה־ענינים, האָב איך זיי שטאַרק געשטראָפֿט, פֿאַרוואָס זיי האָבן נישט קיין שוחט און עסן טריפֿות. זיי האָבן זיך פֿאַרענטפֿערט אויף זייער שטייגער. איינער פֿון זיי, וועלכער האָט זיך געהאַלטן פֿאַר אַ גאַנצן למדן, האָט מיר געזאָגט מיט גרויס גאווה — אַז „אין עשׂרת הדברות איז נישט געגעבן געוואָרן די מצווה פֿון אַ שוחט" (בעשׂרת לא כּתובה מצוות שוחט" — אין טעקסט). דאָס איז די פּרוכט פֿון אַן עדה, וואָס האָט נישט קיין מורה־דרך און מוסר־זאָגער און יעדער טוט ווי עס געפֿעלט אים!

דעם זיבעטן טאָג אין אלול האָב איך זיך אומגעקערט מיט אַ דאַמף־שיף קיין מעלבורן ווו איך האָב פֿאַרבראַכט ראש־השנה, יום הכּיפּורים און סוכּות.

דאָן האָב איך געפֿונען נאָך לאַנגע זוכונגען דעם ייד, וועלכער האָט איבערגעלאָזט זיין פֿרוי אַן עגונה אין רוסלאַנד מיט אַכט יאָר צוריק. מען האָט אים געזוכט איבער דער גאַנצער וועלט, היות זי שטאַמט פֿון אַ משפּחה פֿון גרויסע עשירים. מען האָט אים ביז איצט נישט געקענט געפֿינען, ווייל ער האָט זיך באַהאַלטן אונטער אַן אַנדערן נאָמען און געטאָן אַנדערע געשעפֿטן. ווען איך בין געווען אין אינדיע, האָט מען מיך געבעטן, אַז איך זאָל אים אָפּזוכן, אָבער ביז איצט האָב איך עס נישט באַוויזן. ערשט דאָ האָב איך אים געטראָפֿן און נאָך דעם, ווי ער האָט מיר דערציילט זיינע געשעענישן, האָב איך אים צוגערעדט, אַז ער זאָל שיקן אַ גט דער עגונה.

און אַס־כּי וואָס איך האָב געהאַט אַ היתּר פֿון די גאונים פֿון עיר־הקודש פֿון ירושלים, אַז איך קען אַליין איינאָרדענען, שרייבן און שיקן אַ גט, דאָך צוליב אַנדערע טעמים, און בעיקר, בכדי די, וועלכע קענען נישט די דיני גיטין זאָלן עס אַליין נישט טאָן, האָב איך נישט געוואָלט דאָס נעמען אויף זיך. איך האָב גלייך צוויישן געגעבן די פּאַראינטערעסירטע ווי אויך דעם רב הכּולל אין לאָנדאָן, ווייל ער האָט אויך געוווסט וועגן דעם ענין.

די קרובים פֿון דער עגונה האָבן אָנגענומען די געהעריקע שריט און געקראָגן דעם גט דורך דעם לאָנדאָנער בית־דין.

דאָ ענדיקן זיך די באַשרייבונגען פֿון יעקב ספּירס רייזע אין אויסטראַליע און ניי־זעלאַנד.

אינהאַלט:

1.	איינפיר	זייט 5
2.	דער משולח	" 7
א.	די ים־רייזע קיין אויסטראַליע . . .	" 13
ב.	אויסטראַליע	" 17
ג.	מעלבורן און אירע איינוווינער . . .	" 22
ד.	באַלאַראַט, בענדיגאָ	" 30
ה.	ניי־זעלאַנד	" 34
ו.	אדעלאַיד	" 38

קלישן: פאָטאָ פון יעקב ספיר (לויט דער יידישער ענציקלאָפע־דיע); 2 שער־בלעטער פון בוך „אבן ספיר"; 2 איבערדרוק־אויסצוגן פון יעקב ספירס בוך.

אויסבעסערונגען:

זייט 5 — לייען: אזא אָרגאַנישע אויפפאַסונג
„ 6 — לאָז אויס: פּאַרקאַפּטשעטע
„ 7 — לייען: יעקב ספּיר
„ „ — לאָז אויס: זאָגט עדות, אז דער מענטש
„ 12 — לייען: געוועגדעט
„ 13 — אין דריטן טאָג פון אלול — בערך אויגוסט 1861
„ 16 — ערב סוכות תרכ"ב — בערך אָקטאָבער 1861
„ 17 — פּאָרט דזשעקסאָן. ניי־סאַוט ווילס
דער „ערשטער פלאָט" איז אָנגעקומען אין 1788.
„ 21 — ט"ו טבת — 22טער דעצעמבער 1861.
„ 34 — אדר שני — דעם 4טן מערץ 1862.
פּאָרט אָנטאָגאַ — לייען: דאַנידן.
ארויסגעלאָזן די פאָלגנדע באַמערקונגען פון איבער־זעצער:
דער ווינטער האַלט אָן פון דריי ביז פיר חדשים און די ערד איז נאָר טיילווייז באַדעקט מיט שניי.
די ווינטער־חדשים זענען נישט פון תשרי ביז תמוז, נאָר פון ניסן ביז אָב.
„ 39 — בעשרת הדברות.
„ „ — לייען: זוכעגישן

HIRSH MUNZ

JACOB SAFIR:

EXTRACTS FROM HIS BOOK

"IBEN SAFIR"

Describing his visit to Australia and New Zealand

in 1861-1862.

Published by Y.I.V.O. Committee, in Melbourne, 1950